אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גֶעוָוארְן, הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּם זוּן, בַּאֲשֶׁר אִיךְ בִּין אַ שְׁטֶערְן זֶעעֶר, זֶע אִיךְ אַז דוּ וֶועסְט אַמָאל אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה, בְּכֵן זָאלְסְטוּ זֶען אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קֵיין עַצְבוּת, (דְהַיְינוּ קֵיין טְרוֹיעֶרִיקַייט) אַז דוּ וֶועסְט אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה, נָאר דוּ זָאלְסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין. אוּן אַז דוּ וֶועסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין וֶועל אִיךְ אוֹיךְ פְרֵיילֶעךְ זַיין, אַפִילוּ אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן עַצְבוּת, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ פְרֵיילֶעךְ זַיין, וָואס דוּ בִּיסְט קֵיין מֶלֶךְ נִישְׁט, וָוארְן דוּ קֶערְסְט זִיךְ קֵיין מֶלֶךְ נִישְׁט צוּ זַיין, וָוארְן דוּ בִּיסְט זִיךְ נִישְׁט פְרֵיילֶעךְ. (כְּלוֹמַר אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ וָואס דוּ קָאנְסְט דִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן אַז דוּ זָאלְסְט תָּמִיד פְרֵיילֶעךְ זַיין אַפִילוּ אַז דוּ גֵייסְט אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה, קֶערְסְטוּ נִישְׁט זַיין קֵיין מֶלֶךְ) לוּשְׁמִיר אַז דוּ וֶועסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין, וֶועל אִיךְ מְשׁוּנֶה פְרֵיילֶעךְ זַיין.

הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ אָפְּגֶענוּמֶען דִי מְלוּכָה זֵייעֶר שַׁארְף. אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט שָׂרֵי מְלוּכָה. אוּן הָאט גֶעהַאט דוּכְּסִים אוּן שָׂרִים אוּן חַיִל. אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט חָכְמָה. אוּן סֶע אִיז בַּיי אִים גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע חֲכָמִים. אוּן וֶוער סֶע אִיז צוּ אִים גֶעקוּמֶען מִיט עֶפֶּעס אַ חָכְמָה, אִיז עֶר בַּיי אִיהם זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעוֶוען. אוּן עֶר פְלֶעגְט זֵיי גֶעבְּן גְרוֹיס כָּבוֹד אוּן עֲשִׁירוּת פַאר דֶער חָכְמָה. וָואס אִיטְלֶעכֶער הָאט גֶעוָואלְט הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן. אֵיינֶער הָאט גֶעוָואלְט גֶעלְט, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן גֶעלְט. אֵיינֶער הָאט גֶעוָואלְט כָּבוֹד, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן כָּבוֹד. אַלְץ פַאר דֶער חָכְמָה. אוּן מַחְמַת סֶע אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעוֶוען חָכְמָה. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַלֶע גֶענוּמֶען צוּ חָכְמָה, אוּן דִי גַאנְצֶע מְדִינָה הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין חָכְמוֹת. וָוארְן דֶער הָאט גֶעוָואלְט גֶעלְט, כְּדֵי עֶר זָאל נֶעמֶען גֶעלְט דֶערְפַאר. אוּן דֶער הָאט גֶעוָואלְט חֲשִׁיבוּת אוּן כָּבוֹד. אוּן מַחְמַת זֵיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גֶעוֶוען נָאר אִין חָכְמוֹת. אִיבֶּער דֶעם הָאבְּן זֵיי דָארְט אִין דֶער מְדִינָה פַארְגֶעסְן תַּכְסִיסֵי מִלְחָמָה (כְּלוֹמַר וִוי אַזוֹי אַ מִלְחָמָה צוּ פִירְן) וָוארְן זֵיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גֶעוֶוען נָאר אִין חָכְמוֹת. בִּיז דֶער קְלֶענְסְטֶער פוּן דֶער מְדִינָה. אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אִין אַ אַנְדֶערֶע מְדִינָה. אוּן דִי חֲכָמִים פוּן דֶער מְדִינָה זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר ווִילְד גְרוֹיסֶע חֲכָמִים. וּמַחְמַת דִי חָכְמוֹת, זֶענֶען דִי חֲכָמִים פוּן דֶער מְדִינָה אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַפִּיקוֹרְסוּת אַרַיין. אוּן הָאבְּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ אוֹיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין אַפִּיקוֹרְסוּת אַרַיין. לוּשְׁמִיר דֶעם פְּרָאסְטְן עוֹלָם הָאט דָאס נִישְׁט גֶעשַׁאט, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם אַפִּיקוֹרְסוּת אַרַיין. וָוארְן סֶע גֶעוֶוען אַ גְרוֹיס טִיפְקַייט אִין זֵייעֶר חָכְמָה פוּן דִי חֲכָמִים. הָאט דֶער פְּרָאסְטֶער עוֹלָם נִישְׁט גֶעקָאנְט אַרַיינְגֵיין אִין זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת. אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶס זֵיי נִישְׁט גֶעשַׁאט. נָאר דִי חֲכָמִים אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ זֶענֶען אַפִּיקוֹרְסִים גֶעוָוארְן.

אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ מַחְמַת סֶע אִיז אִין אִים גֶעוֶוען טוֹב, וָוארְן עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן מִיט טוֹב, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גוּטֶע מִדּוֹת. פְלֶעגְט עֶר זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען אַלֶע מָאל, וואוּ בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט. וָואס טוּ אִיךְ. אוּן פְלֶעגְט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסְן קְרֶעכְץ טָאן, אוּן פְלֶעגְט זֵייעֶר זִיפְצְן דְרוֹיף. עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דֶערְמַאנֶען, וָואס טַייטְשׁ אִיךְ זָאל פַארְגֵיין אִין אַזוֹינֶע זַאכְן, וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר, וואוּ בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט, אוּן פְלֶעגְט זֵייעֶר זִיפְצְן. לוּשְׁמִיר תֵּיכֶף וִוי בַּאלְד עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ נִיצְן מִיט זַיין שֵׂכֶל, אִיז וִוידֶער בַּיי אִים שְׁטַארְק גֶעוָוארְן דִי חָכְמוֹת פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת. אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען כַּמָּה פְּעָמִים, וָואס עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַלְץ צוּ דֶערְמַאנֶען וואוּ אִיז עֶר אִין דֶער וֶועלְט, וָואס טוּט עֶר וְכוּ' כַּנַּ"ל. אוּן פְלֶעגְט קְרֶעכְצְן אוּן זִיפְצְן. נָאר תֵּיכֶף וִוי עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבִּין צוּ נִיצְן מִיט דֶעם שֵׂכֶל, אִיז בַּיי אִים וִוידֶער שְׁטַארְק גֶעוָוארְן דָאס אַפִּיקוֹרְסוּת כַּנַּ"ל.

וַיְהִי הַיּוֹם. אוּן סֶע גֶעוֶוען אַ בְּרִיחָה אִין אַ מְדִינָה. זֶענֶען זֵיי אַלֶע צוּלָאפְן גֶעוָוארְן. וִוי זֵיי זֶענֶען

אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן, זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען דוּרְךְ א וַואלְד. הָאבְּן זֵיי דָארְט פַארְלוֹירְן צְוֵויי קִינְדֶער, אַ זָכָר אוּן אַ נְקֵבָה. אֵיינֶער הָאט פַארְלוֹירְן אַ זָכָר, אוּן אֵיינֶער הָאט פַארְלוֹירְן אַ נְקֵבָה. אוּן זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער. פוּן פִּיר פִינְף יָאר. דִי קִינְדֶערְלֶעךְ הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט, וָוארְן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן. דֶערְוַוייל אִיז צוּ זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי טָארְבֶּעס. הָאבְּן דִי קִינְדֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן טְשֶׁעפֶּען זִיךְ צוּ אִים, אוּן צוּ טוּלֶען זִיךְ צוּ אִים. הָאט עֶר זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט, הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעסְן. הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט, פוּן וַואנֶעט קוּמְט אִיר אַהֶער. הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְפֶערְט מִיר וֵוייסְן נִיט, וָוארְן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן זֵיי. הָאבְּן זֵיי אִים גֶעבֶּעטְן, אַז עֶר זָאל זֵיי נֶעמֶען מִיט זִיךְ, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט דָאס וִויל אִיךְ נִישְׁט, אַז אִיר זָאלְט גֵיין מִיט מִיר. דֶערְוַוייל הָאבְּן זֵיי אַ קוּק גֶעטָאן, אִיז דֶער בֶּעטְלֶער בְּלִינְד. אִיז בַּיי זֵיי אַ חִידוּשׁ גֶעוֶוען, אַז עֶר אִיז בְּלִינְד, וִוי אַזוֹי וֵוייסְט עֶר צוּ גֵיין (אוּן צוּם אֶמֶת, אִיז דָאס אַלֵיין אַ חִידוּשׁ, וָואס דִי קִינְדֶער אִיז דָאס קָשֶׁה גֶעוֶוען. וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער גֶעוֶוען. לוּשְׁמִיר זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען קְלוּגֶע קִינְדֶער, אִיבֶּער דֶעם אִיז דָאס בַּיי זֵיי אַ חִידוּשׁ גֶעוֶוען) הָאט עֶר זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט (דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער), אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ, אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ. אוּן עֶר הָאט זֵיי אִיבֶּערְגֶעלָאזְט נָאךְ בְּרוֹיט, אוּן עֶר אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען. הָאבְּן דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטַאנֶען, אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט אוֹיף זֵיי הַשְׁגָחָה גֶעהַאט, אוּן עֶר הָאט זֵיי צוּגֶעשִׁיקְט אַהֶער אַ בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן עֶסְן.

דֶערְנָאךְ אִיז בַּיי זֵיי אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען דָאס בְּרוֹיט. הָאבְּן זֵיי ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן עֶסְן. דֶערְנָאךְ אִיז גֶעוָוארְן נַאכְט, הָאבְּן זֵיי דָארְט אִיבֶּערְגֶענֶעכְטִיגְט. אִין דֶערְפְרִי, הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער נִישְׁט גֶעהַאט צוּ עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט. דֶערְוַוייל, אִיז ווִידֶער אָנְגֶעקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ טוֹיבֶּער, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אִים צוּ רֶעדְן, וַוייזְט עֶר זֵיי מִיט דִי הֶענְט אוּן זָאגְט צוּ זֵיי: אִיךְ הֶער גָאר נִישְׁט. אוּן דֶער בֶּעטְלֶער הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט צוּ עֶסְן, אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן זֵיי. הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעוָואלְט, אַז עֶר זָאל זֵיי נֶעמֶען מִיט זִיךְ, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט. אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט, אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ. אוּן הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעלָאזְט בְּרוֹיט, אוּן אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

דֶערְנָאךְ אִיז בַּיי זֵיי דָאס בְּרוֹיט אוֹיךְ אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, הָאבְּן זֵיי ווִידֶער גֶעשְׁרִיגְן כַּנַּ"ל. אִיז ווִידֶער גֶעקוּמֶען צוּ זֵיי אַ בֶּעטְלֶער, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ כְּבַד פֶּה. (כְּלוֹמַר עֶר הָאט גֶעשְׁטָאמְפְּלְט מִיט דֶעם מוֹיל) הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִים צוּ שְׁמוּעֶסְן. הָאט עֶר גֶעשְׁטָאמְפְּלְט זַיינֶע רֵייד. הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן עֶר הָאט יָא גֶעוואוּסְט וָואס זֵיי רֶעדְן. נָאר זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס עֶר רֶעדְט, וָוארְן עֶר הָאט גֶעשְׁטָאמְפְּלְט. הָאט דֶער בֶּעטְלֶער זֵיי אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט צוּ עֶסְן. אוּן אִיז זִיךְ אוֹיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעבֶּענְטְשׁ, אַז זֵיי זָאלְן זַיין וִוי עֶר, אוּן אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען כַּנַּ"ל. דֶערְנָאךְ אִיז ווִידֶער גֶעקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קְרוּמֶען הַאלְדְז. אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גֶעוֶוען כַּנַּ"ל, דֶערְנָאךְ אִיז ווִידֶער גֶעקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, אַ הוֹיקֶער. דֶערְנָאךְ אִיז ווִידֶער גֶעקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, אָן הֶענְט. דֶערְנָאךְ אִיז גֶעקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, אָן פִּיס. אוּן אִיטְלֶעכֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט. אוּן הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשׁ. אַז זֵיי זָאלְן זַיין אַזוֹי וִוי עֶר, גָאר אַזוֹי וִוי יֶענֶע בֶּעטְלֶערְס כַּנַּ"ל.

דֶערְנָאךְ, אִיז בַּיי זֵיי וַוייטֶער דָאס בְּרוֹיט אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען. הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֵיין אִין יִשּׁוּב אַרַיין, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַ וֶועג. זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם וֶועג. בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ א דָארְף. זֶענֶען דִי קִינְדֶער אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אַ שְׁטוּבּ אַרַיין. הָאט מֶען אוֹיף זֵיי רַחְמָנוֹת גֶעהַאט. אוּן מֶע הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט. זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער אִין אַ שְׁטוּבּ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען. הָאט מֶען זֵיי דָארְט

אויך גֶעגֶעבְּן בְּרויט. פְלֶעגְן זֵיי גֵיין אִין דִי הַייזֶער. הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען סֶע גוּט, מֶע גִיט זֵיי בְּרויט, הָאבְּן דִי קִינְדֶער צְווִישְׁן זִיךְ גֶעמַאכְט אַז זֵיי זָאלְן תָּמִיד זַיין אִין אֵיינֶעם. אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעמַאכְט גְרויסֶע טָארְבֶּעס. אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין דִי הַייזֶער. אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אויף אַלֶע שִׂמְחוֹת, אויף בְּרִית'ן אוּן אויף חַתוּנוֹת. אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער, אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטֶעט אַרַיין. אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין דִי הַייזֶער, אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אויף דִי יְרִידִים. אוּן פְלֶעגְן זִיצְן צְווִישְׁן דִי בֶּעטְלֶערְס, אַזוֹי ווִי זֵי זִיצְן דָארְט אויף דִי פְּרִיזְבֶּעס מִיט דִי טֶעלֶער. בִּיז דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען מְפוּרְסָמִים בַּיי אַלֶע בֶּעטְלֶערְס. וָוארְן אַלֶע הָאבְּן זֵיי גֶעקֶענְט, אוּן הָאבְּן פוּן זֵיי גֶעוואוּסְט, אַז דָאס זֶענֶען דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, וָואס זֵי זֶענֶען פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן אִין וַואלְד כַּנַ"ל.

אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרויסֶער יְרִיד, אִין אַ גְרויסֶער שְׁטָאט. זֶענֶען אַהִין גֶעגַאנְגֶען אַלֶע בֶּעטְלֶערְס, אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען אויךְ אַהִין גֶעגַאנְגֶען. אִיז גֶעקוּמֶען דִי בֶּעטְלֶערְס אויף דֶער דֵעָה, אַז זֵיי זָאלְן מְשַׁדֵּךְ זַיין דִי צְוֵוי קִינְדֶער, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע נֶעמֶען. אוּן תֵּיכֶף ווִי מֶע הָאט אָנְגֶעהוֹבְּן דֶערְפוּן צוּ שְׁמוּעסְן, אִיז דָאס זֵיי אַלֶע זֵייעֶר גֶעפֶעלְן, הָאט מֶען זֵיי מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶוען, לוּשְׁמִיר ווִי מַאכְט מֶען זֵיי חַתוּנָה, הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען, בַּאֲשֶׁר אִין דֶעם אוּן דֶעם טָאג, וֶועט זַיין בַּיים מֶלֶךְ מִינִיגֶעס, וֶועלְן אַהִין גֵיין אַלֶע בֶּעטְלֶערְס וֶועלְן זֵיי זִיךְ דָארְטְן אויסְבֶּעטְן קוֹלִיטְשׁ אוּן פְלֵייש, דֶערְפוּן וֶועט מֶען זֵיי מַאכְן חַתוּנָה. אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען, זֶענֶען אַלֶע בֶּעטְלֶערְס גֶעגַאנְגֶען אויף דִי מִינִיגֶעס, אוּן הָאבְּן זִיךְ אויסְגֶעבֶּעטְן פְלֵייש אוּן בְּרויט, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאךְ פַארְנוּמֶען וָואס סֶע אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן דֶער סְעוּדָה, פְלֵייש אוּן קוֹלִיטְשׁ. אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן זִיךְ אויסְגֶעגְרָאבְּן. אַ גְרויסְן גְרוּב, וָואס סֶע זָאל אִין אִים קֶענֶען אַרַיין הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן. אוּן זֵיי הָאבְּן אִים צוּגֶעדֶעקְט מִיט פְּרוּטֶעס, אוּן מִיט עֶרְד אוּן מִיט מִיסְט. אוּן זֵיי זֶענֶען אַהִין אַלֶע אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען. אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעמַאכְט חַתוּנָה דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁטֶעלְט אַ חוּפָּה, אוּן זֵיי זֶענֶען דָארְט זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גֶעוֶוען, אוּן דִי חָתְן כַּלָה זֶענֶען אויךְ זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גֶעוֶוען.

## דֶעם ערשטִין טָאג

הָאבְּן זִיךְ חָתְן כַּלָה אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דֶערְמַאנֶען, דִי חַסָדִים וָואס השי"ת הָאט מִיט זֵיי גֶעטָאן, אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין וַואלְד. אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען, אוּן הָאבְּן זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט, ווִי נֶעמְט מֶען דָא דֶעם עֶרְשְׁטְן בֶּעטְלֶער, דֶעם בְּלִינְדְן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעבְּרַאכְט בְּרויט אִין וַואלְד. ווִי זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעבֶּענְקְט, נָאךְ דֶעם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, דֶערְוַוייל רוּפְט עֶר זִיךְ אָן, אִיךְ בִּין דָא. אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ אַייךְ אויף דֶער חַתוּנָה. אוּן אִיךְ שֶׁענְק אַייךְ דְרָשָׁה גֶעשַׁאנְק, אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט ווִי אִיךְ. וָוארְן פְרִיעֶר הָאבּ אִיךְ אַייךְ דָאס גֶעוואוּנְטְשְׁן, אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט ווִי אִיךְ. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס דָאזִיגֶע בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גֶעשַׁאנְק, אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט ווִי אִיךְ. אִיר מֵיינְט, אַז אִיךְ בִּין אַ בְּלִינְדֶער, אִיךְ בִּין גָאר נִישְׁט בְּלִינְד, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, טְרֶעפְט בַּיי מִיר נִישְׁט אָן כְּהֶרֶף עַיִן, (דְהַיינוּ ווִי אַ אויגְנְבְּלִיק, אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר אַ פָּנִים ווִי בְּלִינְד, וָוארְן עֶר טוּט גָאר קֵיין שׁוּם קוּק אִין דֶער וֶועלְט נִישְׁט אַרַיין. וָוארְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט טְרֶעפְט בַּיי אִים גָאר נִישְׁט אָן, אֲפִילוּ ווִי אַ אויגְנְבְּלִיק, אִיבֶּער דֶעם גֶעשִׁיקְט זִיךְ בַּיי אִים גָאר נִישְׁט קֵיין זֶען, אוּן קֵיין קוּק אִין דֶער וֶועלְט). וָוארְן אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַלְט, אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ גָאר יוּנְג, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ גָאר נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶעבְן, אוּן בִּין פָּארְט זֵייעֶר אַלְט. אוּן נִישְׁט אִיךְ אַלֵיין זָאג דָאס, נָאר אִיךְ הָאבּ אַ הַסְכָּמָה דְרוֹיף פוּן דֶעם גְרויסְן אָדְלֶער. אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה. (דָאס רֶעדְט אַלְץ דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער).

אַמָאל זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מֶענְטְשְׁן אויף אַ סַאךְ שִׁיפְן, אויף דֶעם יַם. אִיז גֶעקוּמֶען אַ רוּחַ סְעָרָה, (דְהַיינוּ אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט) אוּן הָאט צוּבְּרָאכְן דִי שִׁיפְן. אוּן דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִיצוֹל גֶעוָוארְן, זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן גֶעקוּמֶען צוּ אַ טוּרֶעם, זֶענֶען זֵיי אַרוֹיף אויף דֶעם טוּרֶעם. אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט

גְעפוּנֶען אַלֶערלֵיי מַאֲכָלִים, אוּן מַשְׁקָאוֹת, אוּן מַלְבּוּשִׁים, אוּן וָואס מֶע בַּאדַארְף. אוּן סֶע אִיז דָארְט גְעוֶוען כָּל טוּב, אוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים וָואס אִין דֶער וֶועלְט. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַז אִיטְלֶעכֶער זָאל דֶערְצֵיילְן אַן אַלְטֶע מַעֲשֶׂה. וָואס עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן זִיכָּרוֹן. דְהַיְינוּ וָואס עֶר גֶעדֶענְקְט זִינְט סֶע הָאט זִיךְ בַּיי אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער זִכָּרוֹן. אִיז דָארְטְן גְעוֶוען אַלְטֶע אוּן יוּנְגֶע, הָאט מֶען מְכַבֵּד גְעוֶוען, דֶעם גְרֶעסְטְן זָקֵן וָואס סֶע גְעוֶוען צְווִישְׁן זֵיי, אַז עֶר זָאל צוּם עֶרְשְׁטְן דֶערְצֵיילְן.

הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן (דְהַיְינוּ דֶער עֶלְצְטֶער זָקֵן), וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן, אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ, אַז מֶע הָאט אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דָאס עֶפֶּעלֶע פוּן דֶער צְוַויְיג. הָאט קֵיינֶער נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר זָאגְט. לוּשְׁמִיר סֶע אִיז דָארְט גְעוֶוען חֲכָמִים, הָאבְּן זֵיי גְעזָאגְט, אָוָוא, דָאס אִיז אַ גַאנְצֶע אַלְטֶע מַעֲשֶׂה. הָאט מֶען דֶערְנָאךְ מְכַבֵּד גְעוֶוען דֶעם אַנְדֶערְן זָקֵן, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען יִינְגֶער פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן. אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן.

הָאט זִיךְ דֶער אַנְדֶערֶער אָנְגֶערוּפְן, אֶט דָאס אִיז אַן אַלְטֶע מַעֲשֶׂה? (מִיט אַ לָשׁוֹן ווי אֵיינֶער פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ). אִיךְ גֶעדֶענְק דִי מַעֲשֶׂה, אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אַפִילוּ אַז דָאס לֶעכְט הָאט גֶעבְּרֶענְט. הָאבְּן זֵיי זִיךְ דָארְט אָנְגֶערוּפְן, הָאט דָאס אִיז נָאךְ אַן עֶלְטֶערֶע מַעֲשֶׂה פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער. אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי אַ חִידוּשׁ גְעוֶוען, וָואס דֶער אַנְדֶערֶער אִיז זִיךְ יִינְגֶער, אוּן גֶעדֶענְקְט אַן עֶלְטֶערֶע מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן. דֶערְנָאךְ הָאט מֶען מְכַבֵּד גְעוֶוען דֶעם דְרִיטְן זָקֵן, אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן.

אוּן דֶער דְרִיטֶער אִיז נָאךְ יִינְגֶער גְעוֶוען. הָאט דֶער דְרִיטֶער זִיךְ אָנְגֶערוּפְן. אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אַפִילוּ אַז סֶע הָאט זִיךְ גָאר אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער בִּנְיָן פוּן דֶער פְּרִי אַז דִי פְּרִי הָאט גָאר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן אַ פְּרִי. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן דָארְט. דָאס אִיז זִיךְ נָאךְ אַן עֶלְטֶערֶע מַעֲשֶׂה. דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דֶער פֶערְדֶער זָקֵן אָנְגֶערוּפְן, וָואס עֶר אִיז נָאךְ יִינְגֶער גְעוֶוען. אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אַפִילוּ אַז מֶע הָאט גֶעפִירְט דָאס קֶערְנְדְל מֶע זָאל פְלַאנְצְן דִי פְּרִי. הָאט זִיךְ דֶער פִיפְטֶער אָנְגֶערוּפְן. וָואס עֶר אִיז נָאךְ יִינְגֶער גְעוֶוען, אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אַפִילוּ דִי חֲכָמִים וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעטְרַאכְט דָאס קֶערְנְדְל. הָאט זִיךְ דֶער זֶעקְסְטֶער, וָואס עֶר אִיז נָאךְ יִינְגֶער גְעוֶוען, אָנְגֶערוּפְן, אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אַפִילוּ דֶעם טַעַם פוּן דֶער פְּרִי, אֵיידֶער דֶער טַעַם אִיז אַרַיין אִין דֶער פְּרִי. הָאט זִיךְ דֶער זִיבֶּעטֶער אָנְגֶערוּפְן, אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אַפִילוּ דֶעם רֵיחַ פוּן דֶער פְּרִי, אֵיידֶער דֶער רֵיחַ אִיז אַרַיין אִין דֶער פְּרִי. הָאט זִיךְ דֶער אַכְטֶער אָנְגֶערוּפְן, אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אַפִילוּ דִי מַרְאֶה פוּן דֶער פְּרִי, אֵיידֶער דִי מַרְאֶה אִיז אַרוֹיף אוֹיף דֶער פְּרִי.

אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ דֶעמָאלְט גְעוֶוען גָאר אַ קִינְד. (דְהַיְינוּ דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) אוּן אִיךְ בִּין אוֹיךְ דָארְט גְעוֶוען הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפְן, אִיךְ גֶעדֶענְק דִי אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת , אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק גָאר נִישְׁט. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, הָאט דָאס אִיז אַ גַאנְצֶע אַלְטֶע מַעֲשֶׂה, עֶלְטֶער פוּן אַלֶע, אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי אַ גְרוֹיס חִידוּשׁ גְעוֶוען, וָואס דָאס קִינְד גֶעדֶענְקְט מֶער פוּן אַלֶע.

דֶערְוַוייל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער אָדְלֶער, אוּן הָאט אָנְגֶעקְלַאפְּט אוֹיף דֶעם טוּרֶעם. אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גְעזָאגְט, הֶערְט אוֹיף צוּ זַיין אָרֶעמֶע לַייט, קֶערְט אַייךְ אוּם צוּ אַייעֶרֶע אוֹצְרוֹת. אוּן נִיצְט מִיט אַייעֶרֶע אוֹצְרוֹת. אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גְעזָאגְט, אַז זֵיי זָאלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם טוּרֶעם עֶלְטֶער נָאךְ עֶלְטֶער, וֶוער סֶע עֶלְטֶער זָאל פְרִיעֶר אַרוֹיסְגֵיין. הָאט עֶר זֵיי אַלֶע אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם טוּרֶעם. הָאט עֶר פְרִיעֶר דָאס קִינְד אַרוֹיסְגֶענוּמֶען, וָוארְן צוּם אֶמֶת אִיז עֶר זִיךְ עֶלְטֶער פוּן זֵיי אַלֶע. אוּן וֶוער סֶע אִיז יִינְגֶער גְעוֶוען הָאט עֶר אִים פְרִיעֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען. אוּן דֶעם עֶלְצְטְן זָקֵן, הָאט עֶר גָאר צוּם סוֹף אַרוֹיסְגֶעפִירְט. וָוארְן וֶוער סֶע אִיז גְעוֶוען יִינְגֶער, דֶער אִיז זִיךְ גְעוֶוען עֶלְטֶער. (וָוארְן וָואס יִינְגֶער הָאט עֶר זִיךְ, אַלְץ אֶן עֶלְטֶערֶע מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט). אוּן דֶער עֶלְצְטֶער זָקֵן דֶער אִיז גְעוֶוען יִינְגֶער פוּן זֵיי אַלֶע.

הָאט זִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער אָדְלֶער צוּ זֵיי אָנְגֶערוּפְן, אִיךְ וֶועל אַייךְ מְפָרֵשׁ זַיין דִי אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת, וָואס דִי אַלֶע הָאבְּן דֶערְצֵיילְט. דֶער הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ, אַז מֶע הָאט אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דָאס עֶפֶּעלֶע פוּן דֶער צְוַויְיג, מֵיינְט עֶר, עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ אַפִילוּ אַז מֶע הָאט אִים אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דֶעם

נָאפְּל. (כְּלוֹמַר אַפִּילוּ דָאס וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ גֶעטָאן תֵּיכֶף ווִי עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אַז מֶע הָאט אִים אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דֶעם נָאפְּל, אַפִּילוּ דָאס גֶעדֶענְקְט עֶר אוֹיךְ) אוּן דֶער אַנְדֶערֶער, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ אַפִּילוּ אַז דָאס לֶעכְט הָאט גֶעבְּרֶענְט, מֵיינְט עֶר, עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בְּעִיבּוּר, וָואס דֶעמָאלְט בְּרֶענְט אַ לֶעכְט אוֹיף דֶעם קָאפּ. (וָוארְן אַזוֹי שְׁטֵייט אִין דֶער גְמָרָא אַז דֶעמָאלְט אַז דָאס קִינְד אִיז בַּיי דֶער מוּטֶער אִין בּוֹיךְ, דֶעמָאלְט בְּרֶענְט אַ לֶעכְט אוֹיף זַיין קָאפּ וְכוּ') אוּן דֶער וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ אַפִּילוּ אַז סֶע הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן אַ פְּרִי. דָאס אִיז, עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ אַפִּילוּ ווִי זַיין גוּף הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן, דֶעמָאלְט אַז דָאס קִינְד הֵייבְּט נָאר אָן בַּאשַׁאפְן צוּ וֶוערְן. אוּן דֶער גֶעדֶענְקְט נָאךְ, דֶעמָאלְט, אַז מֶע הָאט גֶעפִּירְט דָאס קֶערְנְדְל צוּ פְּלַאנְצְן דִי פְּרִי. דָאס אִיז, עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ אַפִּילוּ ווִי דִי טִפָּה אִיז נִמְשַׁךְ גֶעוָוארְן. אוּן דֶער גֶעדֶענְקְט נָאךְ דִי חֲכָמִים וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעטְרַאכְט דָאס קֶערְנְדְל. מֵיינְט עֶר, עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ, אַפִּילוּ אַז דִי טִפָּה אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אִין מֹחַ. אוּן דֶער גֶעדֶענְקְט נָאךְ דֶעם טַעַם, דָאס אִיז דָאס נֶפֶשׁ. אוּן דֶער רֵיחַ, דָאס אִיז דֶער רוּחַ. אוּן דִי מַרְאֶה. דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה. אוּן דָאס קִינְד הָאט גֶעזָאגְט עֶר גֶעדֶענְקְט גָאר נִישְׁט. וָוארְן עֶר אִיז גְרֶעסֶער פוּן זֵיי אַלֶע. אוּן עֶר גֶעדֶענְקְט אַפִּילוּ וָואס סֶע גֶעוֶוען פַאר נֶפֶשׁ רוּחַ וּנְשָׁמָה. דְרוּם הָאט עֶר גֶעזָאגְט, עֶר גֶעדֶענְקְט גָאר נִישְׁט (כְּלוֹמַר עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ אַז סֶע גָאר נִישְׁט גֶעוֶוען. גֶעדֶענְקְט עֶר אַפִּילוּ וָואס דָארְט הָאט זִיךְ גֶעטָאן וָואס דָאס אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע).

אוּן דֶער גְרוֹיסֶער אָדְלֶער הָאט צוּ זֵיי גֶעזָאגְט, קֶערְט אַייךְ אוּם צוּ אַייֶערֶע שִׁיפְן, דָאס זֶענֶען אַייֶערֶע גוּפִין וָואס זֵיי זֶענֶען צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן, זֵיי וֶועלְן ווִידֶער גֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן. הַיינְט קֶערְט אַייךְ אוּם צוּ זֵיי, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט. אוּן צוּ מִיר, (דְהַיְינוּ צוּם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) הָאט עֶר גֶעזָאגְט. (דְהַיְינוּ דֶער גְרוֹיסֶער אָדְלֶער) דוּ קוּם מִיט מִיר וָוארְן דוּ בִּיסְט אַזוֹי ווִי אִיךְ. וָוארְן דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַלְט. אוּן גָאר יוּנְג. אוּן דוּ הָאסְט נָאךְ גָאר נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶעבְן אוּן דוּ בִּיסְט פָּארְט זֵייעֶר אַלְט. אוּן אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַזוֹי. וָוארְן אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַלְט. אוּן בִּין נָאךְ גָאר יוּנְג וְכוּ'. נִמְצָא הָאבּ אִיךְ אַ הַסְכָּמָה פוּן דֶעם גְרוֹיסְן אָדְלֶער. אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַלְט אוּן בִּין גָאר יוּנְג וְכוּ'. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גֶעשַׁאנְק. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט ווִי אִיךְ. אִיז דָארְט גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה. אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גֶעוֶוען.

## דֶעם צְווֵייטְן טָאג

אִין דֶעם אַנְדֶערְן טָאג פוּן שִׁבְעַת יְמֵי הַמִּשְׁתֶּה. הָאבְּן זִיךְ דִי חָתָן כַּלָּה ווִידֶער דֶערְמַאנְט. אִין דֶעם אַנְדֶערְן בֶּעטְלֶער. וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ טוֹיבֶּער וָואס עֶר הָאט זֵיי מְחַיֶה גֶעוֶוען. אוּן הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט. אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּענְקְט. ווִי נֶעמְט מֶען דָא אַהֶער דֶעם טוֹיבְּן בֶּעטְלֶער וָואס עֶר הָאט אוּנְז מְחַיֶה גֶעוֶוען. דֶערְוַוייל. ווִי זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעבֶּענְקְט נָאךְ אִים. דֶערְוַוייל קוּמְט עֶר אַרַיין. אוּן זָאגְט אִיךְ בִּין דָא. אוּן אִיז אוֹיף זֵיי אַרוּמְגֶעפַאלְין אוּן הָאט זֵיי גֶעקוּשְׁט. אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גֶעזָאגְט. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ, אַז אִיר זָאלְט לֶעבְּן אַזוֹי אַ חַיִים טוֹבִים (כְּלוֹמַר אַ גוּט לֶעבְן) אַזוֹי ווִי אִיךְ. וָוארְן פְרִיעֶר הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט דֶערְמִיט. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ מַיין חַיִים טוֹבִים בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גֶעשַׁאנְק: אִיר מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין טוֹיבּ, אִיךְ בִּין גָאר נִישְׁט טוֹיבּ, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט טְרֶעפְט בַּיי מִיר גָאר נִישְׁט אָן אַז אִיךְ זָאל הֶערְן זֵייעֶר חִסָּרוֹן. וָוארְן גָאר אַלֶע קוֹלוֹת פוּן דֶער וֶועלְט. זֶענֶען אַלֶע נָאר פוּן חִסְרוֹנוֹת. וָוארְן אִיטְלֶעכֶער שְׁרַייט אוֹיף זַיין חִסָּרוֹן. דְהַיְינוּ אוֹיף דֶעם וָואס סֶע גֵייט אִים אָפּ. אוּן אַפִּילוּ אַלֶע שִׂמְחוֹת פוּן דֶער וֶועלְט, זֶענֶען אַלֶע נָאר פוּן חִסְרוֹנוֹת, וָואס מֶע פְרֵייט זִיךְ אוֹיף דֶעם וָואס סֶע אִיז אִים אָפְּגֶעגַאנְגֶען, אוּן הַיינְט הָאט עֶר דָאס וָואס סֶע אִיז אִים אָפְּגֶעגַאנְגֶען. אוּן בַּיי מִיר טְרֶעפְט

דִי גַאנְצֶע װעלְט גָאר נִשְׁט אָן. אַז אִיך זָאל הֶערְן זֵייעֶר חִסָרוֹן. װארְן אִיךְ לֶעבּ אַזוֹי אַ חַיִּים טוֹבִים װָאס סֶע הָאט גָאר קֵיין שׁוּם חִסָרוֹן נִשְׁט. אוּן אִיךְ הָאבּ אַ הַסְכָּמָה דְרוֹיף אַז אִיךְ לֶעבּ חַיִּים טוֹבִים, פוּן דֶער מְדִינָה פוּן עַשִׁירוֹת. אוּן זַיין חַיִּים טוֹבִים אִיז גֶעוֶוען, עֶר הָאט גֶעגֶעסְן בְּרוֹיט אוּן גֶעטְרוּנְקֶען וַואסֶער. (הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט).

בַּאֲשֶׁר סֶע פַארְהַאנְדְן אַ מְדִינָה װָאס אִין אִיר אִיז גְרוֹיס עַשִׁירוֹת, זֵיי הָאבְּן גְרוֹיסֶע אוֹצָרוֹת. אַמָאל זֶענֶען זֵיי זִיךְ צוּנוֹיפְגֶעקוּמֶען דִי עַשִׁירִים, הָאט זִיךְ אִטְלֶעכֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בַּארִימֶען מִיט זַיין חַיִּים טוֹבִים, װִי אַזוֹי עֶר לֶעבְּט חַיִּים טוֹבִים. אוּן אִיטְלֶעכֶער הָאט דֶערְצֵיילְט דֶער סֵדֶר פוּן זַיין חַיִּים טוֹבִים. הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן הָאבּ גֶעזָאגְט צוּ זֵיי (דְהַיְינוּ דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער װָאס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) אִיךְ לֶעבּ חַיִּים טוֹבִים בֶּעסֶערֶע פוּן אַייךְ. וְהָא רַאְיָה, װָארְן אַז אִיר לֶעבְּט חַיִּים טוֹבִים הֶעלְפְט זֶע דֶער מְדִינָה. װָארְן סֶע פַארְהַאנְדְן אַ מְדִינָה װָאס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ גָארְטְן, אוּן אִין דֶעם גָארְטְן אִיז גֶעוֶוען פֵּירוֹת װָאס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַלֶערְלֵיי טַעֲמִים װָאס אִין דֶער װֶעלְט, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַלֶערְלֵיי רֵיחוֹת װָאס אִין דֶער װֶעלְט, אוּן סֶע דָארְט גֶעוֶוען אִין דֶעם גָארְטְן אַלֶערְלֵיי מַרְאוֹת װָאס פַאר אַ פַּארְבּ, אוּן אַלֶע קְוַויטְן װָאס אִין דֶער װֶעלְט. אִיז אַלְץ גֶעוֶוען דָארְט אִין דֶעם גָארְטְן.

אוּן סֶע גִיוֶוען אִיבֶּער דֶעם גָארְטִין אֵיין אַ גְרָאדְנִיק (דְהַיְינוּ דֶער װָאס עֶר זֶעהְט צוּ דֶעם גָארְטִין) פְלֶעגְט דִי מְדִינָה צוּ לֶעבִּין חַיִּים טוֹבִים דָארְךְ דֶעם גָארְטִין. אִיז דָארְט דֶער אַגְרָאדְנִיק פַארְפַאלִין גִיוָוארִין. מֵיילָא װָאס סֶע אִיז דָארְט דָא אִין דֶעם גָארְטִין. מוּז בְּוַודַאי שׁוֹין גָאר צוּ נִשְׁט װֶערִין װָארִין סֶע אִיז זִיךְ שׁוֹין נִיט דָא דֶער אַגְרָאדְנִיק. װָאס עֶר זָאל דֶעם גָארְטִין צוּ זֶעהְן אוּן זָאל זִיךְ פָּארִין אַרוּם אִים װָאס מֶע בַּאדַארְף אַרוּם דֶעם גָארְטִין צוּ טָאן. לוּשְׁמִיר זֵיי װָאלְטִין נָאךְ גִיקָאנְט לֶעבִּין פוּן דִי סְפִיחִים פוּן דֶעם גָארְטִין (דְהַיְינוּ פוּן דֶער װִידֶער וַואקְסוּנְג. דְהַיְינוּ דָאס װָאס סֶע וַואקְסְט אִין אַ גָארְטִין אַלֵיין פוּן דֶעם װָאס סֶע פַאלְט אַרָאפּ) אִיז אָנְגִיקוּמֶען אַ מֶלֶךְ אַכְזָר (כְּלוֹמַר אֵיין אוּם דֶערְבַּארִימִיקֶער) אוֹיף דֶער מְדִינָה אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט זֵיי גָאר נִיט גִיקֶענְט טָאן. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זֵיי כַּלְיָא גִימַאכְט דִי חַיִּים טוֹבִים פוּן דֶער מְדִינָה װָאס זֵיי הָאבִּין פוּן דֶעם גָארְטִין. אוּן נִיט עֶר הָאט כַּלְיָא גִימַאכְט דֶעם גָארְטִין. נָאר עֶר הָאט אִיבֶּער גִילָאזְט אִין דֶער מְדִינָה. דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט. אוּן עֶר הָאט זֵיי אָן גִיזָאגְט. אַז זֵיי זָאלִין טָאן דָאס װָאס עֶר הָאט זֵיי גִיהֵייסִין. אוּן דוֹרְךְ דֶעם װָאס זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיטָאן. דָאס װָאס דֶער מֶלֶךְ הָאט זֵיי גִיהֵייסִין. דוֹרְךְ דֶעם. הָאבִּין זֵיי כַּלְיָא גִימַאכְט דֶעם טַעַם. װָארִין דוֹרְךְ דֶעם װָאס זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיטָאן. דוֹרְךְ דֶעם הָאבִּין זֵיי גִימַאכְט. אַז װֶער סֶע װֶעט װֶעלִין פִילִין אַ טַעַם. זָאל דָאס הָאבִּין אַ טַעַם פוּן נְבֵילָה. אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי כַּלְיָא גִימַאכְט דֶעם רֵיחַ אַז אַלֶע רֵיחוֹת זָאלִין הָאבְּן אַ רֵיחַ פוּן חֶלְבְּנָה. אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי כַּלְיָא גִימַאכְט דִי מַרְאֶה. װָארִין זֵיי הָאבִּין גִימַאכְט. אַז סֶע זָאל זַיין טוּנְקִיל אִין דִי אוֹיגִין. אַזוֹי װִי סֶע אִיז אַז סֶע װָאלְקִינְדִיק. (דָאס הָאבִּין דִי דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט אַלְץ אָנְגִיאַרְבֶּעט אִין דֶער מְדִינָה דָארְךְ דֶעם װָאס זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיטָאן װָאס דֶער מֶלֶךְ הָאט זֵיי גִיהֵייסִין כַּנַ"ל). הַיינְט אַז אִיר לֶעבְּט חַיִּים טוֹבִים הֶעלְפְט זֶע דֶער מְדִינָה. (אַזוֹי זָאגְט אַלְץ דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער צוּ דֶער מְדִינָה פוּן עַשִׁירוֹת װָאס זֵיי הָאבִּין זִיךְ בַּארִימְט אַז זֵיי לֶעבִּין חַיִּים טוֹבִים כַּנַ"ל) אוּן אִיךְ זָאג אַייךְ אַז אִיר װֶעט זֵיי נִיט הֶעלְפִין. װֶעט עֶס אַייךְ אוֹיךְ שַׁאטִין. (דְהַיְינוּ דָאס װָאס בַּיי דֶער מְדִינָה אִיז כַּלְיָא גִיוָוארִין דִי מַרְאֶה אוּן דֶער טַעַם אוּן דֶער רֵיחַ. דָאס װֶעט אַייךְ אוֹיךְ דֶער לַאנְגֶען).

הָאבִּין זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין דִי עַשִׁירִים הַנַ"ל. אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער מְדִינָה אוּן אִיךְ בִּין אוֹיךְ מִיט זֵיי גִיגַאנְגֶען. אוּן אוֹיף דֶעם װֶעג הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִילֶעבְּט אִיטְלִיכֶער זַיין חַיִּים טוֹבִים װָארִין זֵיי הָאבִּין גִיהַאט אוֹצָרוֹת כַּנַ"ל. װִי זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען נָאהְנְט צוּ דֶער מְדִינָה. הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין בַּיי זֵיי אוֹיךְ כַּלְיָא צוּ װֶערִין. דֶער טַעַם אוּן דִי אִיבְּרִיקֶע זַאכִין הָאבִּין זֵיי דֶערְפִילְט אַז סֶע אִיז בַּיי זֵיי כַּלְיָא גִיוָוארְן. הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפִין צוּ זֵיי. מַיידוּךְ הַיינְט אַז אִיר זֶענְט נָאךְ נִיט אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶער מְדִינָה.

אִיז שׁוֹין בַּיי אַייךְ כַּלְיָא גִיוָוארִין דֶער טַעַם אוּן דִי מַרְאָה אוּן דֶער רֵיחַ. וִוי וֶועט שׁוֹין זַיין. אַז אִיר וֶועט אַהִין אַרַיין גֵיין. אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וִוי קָאנְט אִיר זֵיי נָאךְ הֶעלְפִין. הָאבּ אִיךְ גִינוּמֶען מַיין בְּרוֹיט אוּן מַיין וַואסֶער. אוּן הָאבּ זֵיי גִיגֶעבְּן. הָאבִּין זֵיי גִיפִילְט אִין מַיין בְּרוֹיט אוּן וַואסֶער אַלֶע טַעֲמִים (אוּן אַלֶע רֵיחוֹת וְכוּ') אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי פַארְרֶעכְט גִיוָוארִין וָואס סֶע אִיז בַּיי זֵיי כַּלְיָא גִיוָוארִין. (דְהַיינוּ דֶער טַעַם אוּן דִי מַרְאָה אוּן דֶער רֵיחַ). אוּן יֶענֶע מְדִינָה. דְהַיינוּ דִי מְדִינָה וָואס בַּיי זֵיי אִיז גִיוֶוען דֶער גָארְטִין (וָואס בַּיי זֵיי הָאט מֶען כַּלְיָא גִימַאכְט דֶעם טַעַם וְכוּ' כַּנַּ"ל) הָאבִּין זֵיי זִיךְ אָנְגִיהוֹיבִּין אַרוּם צוּ קוּקִין אַז זֵיי זָאלִין פַאר רֶעכְטִין דִי מְדִינָה וָואס בַּיי זֵיי אִיז כַּלְיָא גִיוָוארִין דֶעם טַעַם וְכוּ' הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. בַּאֲשֶׁר סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת (דְהַיינוּ טַאקֶע דִי מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת הַנַּ"ל וָואס דֶער בֶּעטְלֶער הָאט מִיט זֵיי גִישְׁמוּסְט כַּנַּ"ל) אִיז זֵיי גִיפֶעלִין (דְהַיינוּ דֶער מְדִינָה וָואס דֶער גָארְטִין אִיז דָארְטִין גִיוֶוען אִיז זֵיי גִיפֶעלִין) אַז דֶער אַגְרָאדְנִיק זֵייעֶרֶער וָואס עֶר אִיז פַארְפַאלִין גִיוָוארִין (וָואס דוּרְךְ אִים הָאבְּן זֵיי גִילֶעבְּט חַיִים טוֹבִים) אִיז עֶר פוּן אֵיין שׁוֹרֶשׁ מִיט דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת. וָואס זֵיי לֶעבִּין אוֹיךְ חַיִים טוֹבִים. אִיבֶּער דֶעם אִיז זֵיי גִיפֶעלִין דִי עֵצָה. אַז זֵיי זָאלִין שִׁיקִין צוּ דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת. זֵיי וֶועלִין זֵי בְּוַודַאי הֶעלְפִין. הָאבִּין זֵיי אַזוֹי גִיטָאן. אוּן זֵיי הָאבִּין גִישִׁיקְט שְׁלוּחִים צוּ דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת. זֶענֶען דִי שְׁלוּחִים גִיגַאנְגֶען הָאבִּין זֵיי אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע בַּאגֶעגִינְט. (דְהַיינוּ דִי שְׁלוּחִים הָאבִּין זִיךְ בַּאגֶעגִינְט מִיט דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת אוֹיף דֶעם וֶועג. וָוארִין דִי מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת הָאט זִיךְ צוּ זֵיי גִיוָואלְט גֵיין כַּנַּ"ל) הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט דִי שְׁלוּחִים וואוּ הִין גֵייט אִיר. הָאבִּין זֵיי גִיעֶנְפֶערְט מִיר גֵייעֶן צוּ דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת אַז זֵיי זָאלִין אוּנְז הֶעלְפִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אָנְגִירוּפִין. מִיר זֶענֶען דָאס אַלֵיין דִי מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת. אוּן מִיר גֵייעֶן צוּ אַייךְ. הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפִין (דְהַיינוּ דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) צוּ זֵיי. אִיר בַּאדַארְפְט זִיךְ צוּ מִיר. וָוארִין אִיר קָאנְט זִיךְ נִיט גֵיין אַהִין אוּן זָאלְט זֵיי הֶעלְפִין כַּנַּ"ל. (וָוארִין אַז זֵיי זֶענֶען נָאר גִיוֶוען נָאהֶנְט צוּ דֶער מְדִינָה הָאט זֵיי אַלֵיין שׁוֹין אוֹיךְ גִישַׁאט. מִכָּל שֶׁכֵּן וְכוּ' כַּנַּ"ל) בְּכֵן בְּלַייבְּט אִיר דָא אוּן אִיךְ וֶועל גֵיין מִיט דִי שְׁלוּחִים. צוּ הֶעלְפִין זֵיי.

בִּין אִיךְ גִיגַאנְגֶען מִיט דִי שְׁלוּחִים. אוּן בִּין גִיקוּמֶען אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין. בִּין אִיךְ אַרַיין גִיקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט אַרַיין. הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן. סֶע קוּמֶען מֶענְטְשְׁן. אוּן סֶע זָאגְט אֵיינֶער אַ וֶוערְטִיל. אוּן דֶערְנָאךְ זֶענֶען נָאךְ צוּ גִיקוּמֶען מֶענְטְשְׁן בִּיז סֶע גִיוָוארִין אַ רֶעדִיל מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי הָאבִּין גִיזָאגְט וֶוערְטְלִיךְ. אוּן זֵיי הָאבִּין גִילַאכְט הָאבּ אִיךְ מִיךְ צוּ גִיהֶערְט וָואס שְׁמוּסִין זֵיי. הָאבּ אִיךְ גִיהֶערְט. זֵיי רֵיידִין נִיבּוּל פֶּה. אוּן דֶער זָאגְט אַ וֶוערְטִיל פוּן נִיבּוּל פֶּה. אוּן דֶער זָאגְט אַבִּיסִיל אֵיידְלֶער אוּן דֶער לַאכְט אוּן דֶער הָאט הֲנָאָה אוּן דֶעסְט גְלַייכִין אַזוֹי וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז. דֶערְנָאךְ בִּין אִיךְ וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען אִין אֵיין אַנְדֶערֶע שְׁטָאט. (פוּן דֶער מְדִינָה) הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן צְווֵיי מֶענְטְשְׁן קְרִיגִין זִיךְ. אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערִין. מַחְמַת עֶפֶּעס אַ מַשָּׂא וּמַתָּן. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען צוּם בֵּית דִין זִיךְ לָדוּן. הָאט זֵיי דָאס בֵּית דִין גִיפַּסְקִי'ט. דֶער אִיז זַכַּאי אוּן דֶער אִיז חַיָּיב. זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם בֵּית דִין דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי זִיךְ וִוידֶער צוּקְרִיגְט. אוּן הָאבִּין גִיזָאגְט אַז זֵיי ווִילִין שׁוֹין נִיט דָאס בֵּית דִין נָאר זֵיי ווִילִין אֵיין אַנְדֶער בֵּית דִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אֵיין אַנְדֶער בֵּית דִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִילָאדִין פַאר יֶענֶעם בֵּית דִין. דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ וִוידֶער צוּ קְרִיגְט אֵיינֶער פוּן דִי דָאזִיגֶע מִיט אֵיין אַנְדֶערִין הָאבִּין זֵיי זִיךְ וִוידֶער אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אֵיין אַנְדֶער בֵּית דִין. אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זִיךְ דָארְט וַוייטֶער צוּ קְרִיגְט. דֶער מִיט דֶעם. אוּן דֶער מִיט דֶעם. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אַלֶע מָאל אֵיין אַנְדֶער בֵּית דִין. בִּיז דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אִיז פוּל גִיוֶוען מִיט בָּתֵּי דִינִים. הָאבּ אִיךְ אַ קוּק גִיטָאן. הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן. אַז דָאס אִיז מַחְמַת סֶע אִיז דָארְט קֵיין אֱמֶת נִיט דָא. אוּן הַיינְט אִיז דֶער מַטֶּה דִין אוּן אִיז נוֹשֵׂא פָּנִים צוּ דֶעם. (כְּלוֹמַר עֶר חַנְפִּיט יֶענֶעם אוּן פַּסְקִי'ט אִים צוּ) אוּן דֶערְנָאךְ אִיז יֶענֶער נוֹשֵׂא פָּנִים אִים (כְּלוֹמַר דֶערְנָאךְ פַּסְקִי'ט יֶענֶער וִוידֶער אִים צוּ) וָוארִין זֵיי נֶעמֶען שׁוֹחַד אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי קֵיין אֱמֶת נִיט דָא.

דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן אַז זֵיי זֶענֶען פוּל מִיט נִיאוּף אוּן סֶע אִיז דָארְט זֵייעֶר פִּיל נִיאוּף בִּיז סֶע אִיז שׁוֹין גָאר בַּיי זֵיי גִיוָוארְן וִוי אַ הֶיתֵּר. הָאבּ אִיךְ זֵיי גִיזָאגְט. אַז דֶער אִיבֶּער אִיז בַּיי זֵיי כַּלְיָא גִיוָוארְן. דֶער טַעַם אוּן דֶער רֵיחַ אוּן דִי מַרְאֶה וָוארְן דֶער מֶלֶךְ דֶער אַכְזָר הַנַּ"ל. עֶר הָאט בַּיי זֵיי אִיבֶּער גִילָאזְט. דִי דְרַיי כִּתּוֹת קֶנֶעכְט הַנַּ"ל. אַז זֵיי זָאלְן אוּם גֵיין אוּן זֵיי זָאלְן כַּלְיָא מַאכְן דִי מְדִינָה. וָוארְן זֵיי זֶענֶען אוּם גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין גִירֶעט צְוִוישְׁן זֵיי נִיבּוּל פֶּה. אוּן זֵיי הָאבִּין אַרַיין גִיבְּרַאכְט נִיבּוּל פֶּה אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין. אוּן דוּרְךְ נִיבּוּל פֶּה אִיז בַּיי זֵיי דוּרְךְ דֶעם כַּלְיָא גִיוָוארְן דֶעם טַעַם אַז אַלֶע טַעֲמִים הָאבִּין אֵיין טַעַם פוּן נְבֵילָה. אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי אַרַיין גִיבְּרַאכְט שׁוֹחַד אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז בַּיי זֵיי כַּלְיָא גִיוָוארְן דִי מַרְאָה אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי טוּנְקִיל גִיוָוארְן אִין דִי אוֹיגְן. וָוארִין אַזוֹי שְׁטֵייט כִּי הַשּׁוֹחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים. כְּלוֹמֶר שׁוֹחַד מַאכְט בְּלִינְד דִי אוֹיגְן. אוּן אַזוֹי הָאבְּן דִי קֶנֶעכְט אַרַיין גִיבְּרַאכְט נִיאוּף אִין דֶער מְדִינָה. אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז כַּלְיָא גִיוָוארִין דֶער רֵיחַ וָוארִין דוּרְךְ נִיאוּף וֶוערְט כַּלְיָא דֶער רֵיחַ. (אוּן דָאס הָאט עֶס דֶער מֶלֶךְ אַכְזָר אִיבֶּער גִילָאזְט דְרַיי כִּתּוֹת קֶנֶעכְט אִין דֶער מְדִינָה. אוּן הָאט זֵיי גִיהֵייסִין אַז זֵיי זָאלְן אוּם גֵיין אוּן זֵיי זָאלְן אַרַיין בְּרֶענְגֶען דִי דְרַיי עֲבֵירוֹת אִין דֶער מְדִינָה. אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז בַּיי זֵיי כַּלְיָא גִיוָוארְן דִי מַרְאָה אוּן דֶער טַעַם אוּן דֶער רֵיחַ כַּנַּ"ל) בְּכֵן זָאלְט אִיר זֶעהְן פַאר רֶעכְטִין דִי מְדִינָה פוּן דִי דְרַיי עֲבֵירוֹת. אוּן אִיר זָאלְט נָאךְ זוּכִין נָאךְ דִי מֶענְטְשְׁן (דְהַיְינוּ נָאךְ דִי קְנֶעכְט וָואס זֵיי הָאבִּין עֶס אַרַיין גִיבְּרַאכְט דִי דְרַיי עֲבֵירוֹת אִין דֶער מְדִינָה כַּנַּ"ל) אוּן אִיר זָאלְט זֵיי פַארְטְרַייבִּין. אוּן אַז אִיר וֶועט אַזוֹי טָאן. אוּן אִיר וֶועט אָפְּרֵיינִיקְן דִי מְדִינָה פוּן דִי דְרַיי עֲבֵירוֹת זָאג אִיךְ אַייךְ. אַז לֹא דַי וָואס סֶע וֶועט בַּיי אַייךְ פַאר רֶעכְט וֶוערְן דֶער טַעַם אוּן דִי מַרְאָה אוּן דֶער רֵיחַ, נָאךְ מֶער. אַפִילוּ דֶער אַגְרָאדְנִיק וָואס עֶר אִיז בַּיי אַייךְ פַארְפַאלִין גִיוָוארְן. וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיךְ קָאנֶען אָפְּזוּכִין. הָאבְּן זֵיי אַזוֹי גִיטָאן. אוּן זֵיי הָאבִּין אָנְגִיהוֹבִּין צוּ רֵיינִיקִין דִי מְדִינָה פוּן דִי דְרַיי עֲבֵירוֹת. אוּן זֵיי הָאבִּין נָאךְ גִיזוּכְט נָאךְ דִי מֶענְטְשְׁן. (דְהַיְינוּ נָאךְ דִי קְנֶעכְט הַנַּ"ל) אוּן זֵיי הָאבִּין אָנְגִיכַאפְּט אַ מֶענְטְשְׁן. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיפְרֶעגְט. פוּן וַואנֶעט קוּמְסְטוּ אַהֶער. בִּיז זֵיי הָאבְּן גִיחַאפְּט דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם מֶלֶךְ אַכְזָר. (דְהַיְינוּ דִי דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט הַנַּ"ל) אוּן זֵיי הָאבִּין דִי מֶענְטְשְׁן אַרוֹיס גִיטְרִיבְּן. אוּן זֵיי הָאבִּין אָפְּגִירֵיינִיקְט דִי מְדִינָה פוּן דִי עֲבֵירוֹת. דֶערְוַוייל אִיז גִיוָוארְן אַ רַעשׁ. אֶפְשֶׁר אִיז פָארְט דֶער מְשׁוּגֶענֶער דֶער אַגְרָאדְנִיק. וָוארִין סֶע גֵייט אוּם אַ מְשׁוּגֶענֶער. אוּן עֶר זָאגְט אַלְץ אַז עֶר אִיז דֶער אַגְרָאדְנִיק אוּן אִיטְלִיכֶער הַאלְט אִים פַאר מְשׁוּגָע. אוּן מֶע וַוארְפְט אִים נָאךְ שְׁטֵיינֶער. אוּן מֶע טְרַייבְּט אִים אַוֶועק. טָאמֶער פָארְט אִיז טַאקֶע עֶר דֶער אַגְרָאדְנִיק. אִיז מֶען גִיגַאנְגֶען אוּן מֶע הָאט אִים גִיבְּרַאכְט. הָאבּ אִיךְ גִיזָגְט (דְהַיְינוּ דֶער בֶּעטְלֶער דֶער טוֹיבֶּער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) אַ וַודְאַי אִיז עֶר דֶער אַגְרָאדְנִיק (דְהַיְינוּ דֶער וָואס זֵיי הָאבִּין פְרִיר גִיזָאגְט אַז עֶר אִיז מְשׁוּגָע).

נִמְצָא הָאבּ אִיךְ אַ הַסְכָּמָה פוּן דָארְט אַז אִיךְ לֶעבּ חַיִים טוֹבִים וָוארִין אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַאר רֶעכְט דִי מְדִינָה (אוּן דָארְךְ אִים הָאט זִיךְ זֵיי אַפִילוּ דֶער אַגְרָאדְנִיק אָפְּגִיזוּכְט. הָאבִּין זֵיי ווִידֶער גִילֶעבְּט חַיִים טוֹבִים כַּנַּ"ל) הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה מַיין חַיִים טוֹבִים. אִיז דָארְט גִיוָוארִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה. אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוָוארְן: דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט זֵיי גִישֶׁענְקְט חַיִים אֲרוּכִים דְהַיְינוּ לַאנְג לֶעבִּין אוּן דֶער אַנְדֶערֶער הָאט זֵיי גִישֶׁענְקְט חַיִים טוֹבִים. דְהַיְינוּ גוּט לֶעבִּין. אוּן אַזוֹי אַלֶע בֶּעטְלֶערְס זֶענֶען אַלֶע דֶערְנָאךְ גִיקוּמֶען אוֹיף דֶער חַתּוּנָה אוּן הָאבִּין זֵיי גִישֶׁענְקְט דְרָשָׁה גִישַׁאנְק דָאס דָאזִיגֶע וָואס זֵי הָאבִּין זֵיי פְרִיר גִוִוינְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלִין זַיין אַזוֹי וִוי זֵיי. אוּן הַיינְט הָאבִּין זֵיי דָאס גִישֶׁענְקְט זֵיי בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק.

## דֶעם דריטִין טָאג

דֶעם דְרִיטִין טָאג. הָאבִּין זִיךְ חָתְן כַּלָה ווִידֶער דֶערְמַאנְט. אוּן הָאבִּין גִיוֵויינְט אוּן גִיבֶּענְקְט. ווִי נֶעמְט מֶען דָא. דֶעם דְרִיטְן בֶּעטְלִיר. וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַ כְּבַד פֶּה (דְהַיינוּ עֶר הָאט גִישְׁטָאמְפִּילְט מִיט דֶעם מוֹיל) דֶערְוַוייל קוּמְט עֶר אַרַיין אוּן זָאגְט. אִיךְ בִּין דָא. אוּן אִיז זֵיי אַרוּם גִיפַאלִין. אוּן הָאט זֵיי גִיקוּשְׁט אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיךְ אַזוֹי גִיזָאגְט כַּנַ"ל. פְרִיר הָאב אִיךְ אַייךְ גִיבֶּענְטְשְׁט. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דְרָשָׁה גִישַׁאנְק. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ. אִיר מֵיינְט אִיךְ בִּין אַ כְּבַד פֶּה. אִיךְ בִּין גָאר קֵיין כְּבַד פֶּה נִיט. נָאר דִי דִיבּוּרִים פוּן דֶער וֶועלְט וָואס זֵיי זֶענֶען נִיט קֵיין שְׁבָחִים צוּם אֵייבִּירְשְׁטְן הָאבִּין קֵיין שְׁלֵימוּת נִיט (כְּלוֹמֶר דְרִיבֶּער הָאט עֶר אַ פָּנִים וִוי אַ כְּבַד פֶּה. וָואס קֶען נִיט רֵיידִין. ווָארִין עֶר וִויל גָאר נִיט רֵיידְן קֵיין שׁוּם וָוארְט פוּן דֶער וֶועלְט. וָואס סֶע אִיז נִיט קֵיין לוֹיבּ צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. ווָארִין דִי רֵייד וָואס נִיט קֵיין לוֹיבּ צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאבִּין קֵיין שְׁלֵימוּת נִיט. אִיבֶּער דֶעם שְׁטָאמְפִּילְט עֶר אִין דִי רֵייד) אָבֶּער צוּם אֶמֶת בִּין אִיךְ גָאר קֵיין כְּבַד פֶּה נִיט. אַדְרַבָּא. אִיךְ בִּין אַ מֵלִיץ אוּן אַ דַבְּרָן דְהַיינוּ אַ רֵיידֶער. זֵייעֶר אַ וואוּילֶער וָואס סֶע אִיז אַ ווִילְד חִידוּשׁ. אוּן אִיךְ קָאן רֵיידִין חִידוֹת אוּן שִׁירִים אוּן לִידֶער וָואס זֵיי זֶענֶען ווִילְדֶע חִידוּשִׁים. וָואס אַז אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ רֵיידִין מַיינֶע חִידוֹת מִיט מַיינֶע שִׁירִים מִיט מַיינֶע לִידֶער. אִיז גָאר נִיט פַארְהַאנְדִין קֵיין שׁוּם נִבְרָא אִין דֶער וֶועלְט וָואס עֶר זָאל מִיךְ נִיט וֶועלִין הֶערִין (כְּלוֹמֶר סֶע נִיט דָא קֵיין שׁוּם בַּאשֶׁעפֶּענִישׁ אִין דֶער וֶועלְט וָואס סֶע זָאל נִיט וֶועלִין הֶערִין זַיינֶע שִׁירִים וְכוּ') אוּן סֶע אִיז אִין זֵיי דָא (דְהַיינוּ אִין דִי חִידוֹת אוּן אִין דִי שִׁירִים וָואס עֶר זָאגְט) כָּל הַחָכְמוֹת. אוּן אִיךְ הָאב אֵיין הַסְכָּמָה דְרָאף. פוּן דֶעם גְרוֹיסִין מַאן וָואס עֶר הֵייסְט דֶער אֶמֶתִיר אִישׁ חֶסֶד.

וָוארִין אַמָאל, זֶענֶען גִיזֶעסִין אַלֶע חַכָמִים אוּן אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין חָכְמָה. אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט מִיט זַיין חָכְמָה. אַייזִין. (דְהַיינוּ דָאס וָואס מֶען זָאל קֶענֶען מַאכִין אַייזִין פוּן דֶער עֶרְד דָאס הָאט עֶר אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט אוֹיף דֶער וֶועלְט) אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט עֶר הָאט אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט אֵיין אַנְדֶער מִין מַתֶּכֶת (דְהַיינוּ אֵיין אַנְדֶער מִין אַייזִין ווַארְג. צִין אָדֶער בְּלַיי וְכוּ') אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט מִיט זַיין חָכְמָה זִילְבֶּער. דָאס אִיז שׁוֹין חָשׁוּבֶער (דְהַיינוּ דָאס וָואס מֶע קָאן מַאכִין זִילְבֶּער. דָאס הָאט עֶר אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט) אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט. מֶע זָאל קֶענֶען מַאכִין גָאלְד. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט כְּלֵי מִלְחָמָה. (דְהַיינוּ דִי כֵּלִים וָואס מֶע הַאלְט מִיט זֵיי מִלְחָמָה. דְהַינוּ בִּיקְסְן אוּן הוּרְמַאטִיס אוּן דֶעסְט גְלַייכִין דִי חָכְמָה צוּ מַאכִין דִי כֵּלִים דָאס הָאט עֶר אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט) אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר קָאן מַאכִין דִי אַייזִין ווַארְג. נִיט פוּן דִי זַאכִין. וָואס זֵיי מַאכִין דֶערְפוּן דִי אַייזִין ווַארְג. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט אַנְדֶערֶע חָכְמוֹת. ווָארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין כַּמָה זַאכִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. וָואס מֶע הָאט אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט דוּרְךְ חָכְמוֹת. דְהַיינוּ סַאלִיטְרֶע אוּן פִּילְוִויר אוּן דֶעסְט גְלַייכִין הָאט זִיךְ אִיטְלִיכֶער בַּארִימְט מִיט זַיין חָכְמָה.

הָאט זִיךְ דָארְט אֵיינֶער אָנְגִירוּפִין אִיךְ בִּין קְלוּגֶער פוּן אַייךְ. ווָארִין אִיךְ בִּין קְלוּג וִוי דֶער טָאג. הָאט מֶען דָארְט נִיט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר זָאגְט. עֶר אִיז קְלוּג וִוי דֶער טָאג. הָאט עֶר זִיךְ צוּ זֵיי אָנְגִירוּפְן. וָוארְן אַלֶע אַייעֶרֶע חָכְמוֹת. קָאן מֶען זֵיי צוּם אוֹיף נֶעמֶען. וֶועט פוּן זֵיי מֶער נִיט זַיין. נָאר אֵיין שָׁעָה. כָאטְשֶׁע אִיטְלִיכֶע חָכְמָה נֶעמְט זִיךְ פוּן אֵיין אַנְדֶערִין טָאג. וֶועדְלִיג דִי בְּרִיאָה וָואס סֶע גִיוֶוען אִין אִיטְלִיכְן טָאג. וָוארִין אַלֶע חָכְמוֹת זֶענֶען זִיךְ הַרְכָּבוֹת (דְהַיינוּ מֶע מִישְׁט צוּם אוֹיף עֶטְלִיכֶע זַאכִין אִין אֵיינֶעם אוּן דֶערְפוּן מַאכְט מֶען דִי זַאךְ. אִיבֶּער דֶעם נֶעמְט זִיךְ אִיטְלִיכֶע חָכְמָה פוּן דֶעם טָאג. וָואס אִין דֶעם טָאג הָאט גָאט בַּאשַׁאפִין דִי זַאכִין וָואס דֶערְפוּן נֶעמְט מֶען דִי מַאטֶעְרְיֶעס אוּן מֶע מִישְׁט אוֹיס מִיט חָכְמָה אוּן מֶע מַאכְט דִי זַאךְ וָואס מֶע ווִיל מַאכִין זִילְבֶּער אָדֶער קוּפֶּער

אוּן דֶעסְט גְלַייכִין) פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט קָאן מֶען מִיט חָכְמָה צוּם אוֹיף נֶעמֶען אַלֶע אַייעֶרֶע חָכְמוֹת וֶועט פוּן זֵיי מֶער נִיט זַיין נָאר אֵיין שָׁעָה. אָבֶער אִיךְ בִּין קְלוּג וִוי אַ גַאנְצֶער טָאג. (אַזוֹי הָאט זִיךְ בַּארִימְט דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער חָכָם הַנַ"ל) הָאב אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפִין צוּ אִים (דְהַיְינוּ דֶער כְּבַד פֶּה וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) וִוי וֶועלְכֶער טָאג (כְּלוֹמַר וִוי וֶועלְכֶער טָאג בִּיסְטוּ קְלוּג) הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפִין. אָט דֶער אִיז קְלוּגֶער פוּן מִיר. וַוייל עֶר פְרֶעגְט וִוי וֶועלְכֶער טָאג. לוּשְׁמִיר וִוי וֶועלְכֶער טָאג אִיר ווילְט אַזוֹי בִּין אִיךְ קְלוּג. לוּשְׁמִיר פַּאר וָואס זֶע ווידֶער אִיז דֶער קְלוּגֶער. וַוייל עֶר הָאט גִיפְרֶעגְט וִוי וֶועלְכֶער טָאג. דֶער חָכָם אִיז זִיךְ אוֹיךְ קְלוּג וִוי וֶועלְכִין טָאג עֶר וִויל. נָאר סֶע פַארְהַאנְדִין אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה.

וָוארִין דֶער אֶמְתִיר אִישׁ חֶסֶד. אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מַאן. אוּן אִיךְ (דְהַיְינוּ דֶער כְּבַד פֶּה וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) גֵיי אוּם אוּן נֶעם צוּם אוֹיף אַלֶע אֶמְתִי חַסָדִים אוּן בְּרֶענְג זֵיי צוּ דֶעם אֶמְתִין אִישׁ חֶסֶד. אוּן דֶער עִיקָר זְמַן (דְהַיְינוּ אַז סֶע זָאל זַיין אַ צַייט וָוארִין דִי צַייט אַלֵיין דְהַיְינוּ אַז סֶע זָאל זַיין יָאר אוּן טֶעג אוֹיף דֶער וֶועלְט דָאס אַלֵיין הָאט זִיךְ אוֹיךְ הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ בַּאשַׁאפִין) וֶוערְט נָאר דוֹרְךְ אֶמְתִי חַסָדִים. אוּן אִיךְ גֵיי אוּם אוּן נֶעם צוּם אוֹיף אַלֶע אֶמְתִי חַסָדִים אוּן בְּרֶענְג זֵיי צוּ דֶעם אֶמְתִין אִישׁ חֶסֶד. וָואס דֶערְפוּן וֶוערְט דֶער זְמַן.

אוּן סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ בַּארְג. אוּן אוֹיף דֶעם בַּארְג שְׁטֵייט אַ שְׁטֵיין. אוּן פוּן דֶעם שְׁטֵיין גֵייט אַ קְוַואל. אוּן אִיטְלִיכֶע זַאךְ הָאט אַ הַארְץ. אוּן דִי וֶועלְט אִין גַאנְצִין הָאט אוֹיךְ אַ הַארְץ. אוּן דָאס הַארְץ פוּן דֶער וֶועלְט. אִיז אַ גַאנְצֶע קוֹמָה מִיט אַ פָּנִים אוּן מִיט הֶענְט אוּן פִיס וְכוּ'. לוּשְׁמִיר דֶער נָאגִיל פוּן דֶעם פוּס פוּן דֶעם הַארְץ פוּן דֶער וֶועלְט. אִיז הַארְצִיקֶער אֵיידֶער אֵיין אַנְדֶערִינְס הַארְץ. אוּן דֶער בַּארְג מִיט דֶעם קְוַואל שְׁטֵייט אִין אֵיין עֶק פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן דָאס הַארְץ פוּן דֶער וֶועלְט. שְׁטֵייט אִין דֶעם אַנְדֶערִין עֶק פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן דָאס הַארְץ. שְׁטֵייט אַקֶעגִין דֶעם קְוַואל. אוּן גְלוּסְט אוּן בֶּענְקְט תָּמִיד זֵייעֶר אַז סֶע זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם קְוַואל. אוּן דָאס בֶּענְקֶען אוּן דָאס גְלוּסְטִין פוּן דֶעם הַארְץ צוּא דֶעם קְוַואל אִיז גָאר ווילְד. אוּן סֶע שְׁרַייט תָּמִיד דָאס הַארְץ אַז סֶע זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם קְוַואל. אוּן דֶער קְוַואל גְלוּסְט צוּ דֶעם הַארְץ אוֹיךְ.

אוּן דָאס הַארְץ. הָאט צְוֵויי חְלִישׁוּת (דְהַיְינוּ צְוֵויי שְׁלַאפְקֵייט). אֵיינְס וָוארִין דִי זוּן יָאגְט עֶס זֵייעֶר. אוּן בְּרֶענְט עֶס. (וַוייל סֶע בֶּענְקְט אַלְץ אוּן וִויל קוּמֶען צוּם קְוַואל). אוּן דָאס אַנְדֶערֶע שְׁלַאפְקֵייט הָאט דָאס הַארְץ. מַחְמַת דֶעם בֶּענְקֶען אוּן דָאס גְלוּסְטִין וָואס דָאס הַארְץ בֶּענְקְט אוּן גְלוּסְט תָּמִיד. אוּן סֶע גֵייט גָאר אוֹיס צוּ דֶעם קְוַואל. אוּן סֶע שְׁרַייט אַלְץ סֶע זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם קְוַואל כַּנַ"ל. וָוארִין דָאס הַארְץ שְׁטֵייט תָּמִיד אַקֶעגִין דֶעם קְוַואל אוּן שְׁרַייט נַא גִיוַואלְד. אוּן סֶע בֶּענְקְט אַלְץ זֵייעֶר צוּ דֶעם קְוַואל כַּנַ"ל. לוּשְׁמִיר אַז דָאס הַארְץ בַּאדַארְף זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן. אַז סֶע זָאל זִיךְ אָפְּסַאפֶּען אַבִּיסְל. אַזוֹי קוּמְט אַגְרוֹיסֶער פוֹיגִיל. אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט דִי פְלִיגְל אוֹיף אִים אוּן פַארְשְׁטֶעלְט אִים פוּן דֶער זוּן. דֶעמוּלְט רוּט זִיךְ דָאס הַארְץ אָפּ אַבִּיסְל. אוּן אַפִילוּ דֶעמוּלְט אַז סֶע רוּט זִיךְ אָפּ. קוּקְט עֶס אוֹיךְ אַקֶעגִין דֶעם קְוַואל. אוּן בֶּענְקְט אַלְץ צוּם קְוַואל. לוּשְׁמִיר אַז סֶע בֶּענְקְט יוֹא אַזוֹי צוּם קְוַואל. פַארְוָואס גֵייט עֶר נִיט צוּם קְוַואל. נָאר וִוי בַּאלְד דָאס הַארְץ וִויל צוּ גֵיין נָאהֶנְט צוּם בַּארְג וָואס אוֹיבִין אִיז דֶער קְוַואל. אַזוֹי זֶעהְט עֶר שׁוֹין נִיט אַרוֹיס דֶעם שְׁפִּיץ. קָאן עֶר נִיט זֶעהְן דֶעם קְוַואל. אוּן וִויבַּאלְד עֶר קוּקְט נִיט אוֹיף דֶעם קְוַואל. גֵייט עֶר אוֹיס. וָוארִין גָאר זַיין חִיוּת פוּן דֶעם הַארְץ. אִיז נָאר פוּן דֶעם קְוַואל. אוּן אַז עֶר שְׁטֵייט אַקֶעגִין בַּארְג. זֶעהְט עֶר אַרוֹיס דֶעם שְׁפִּיץ בַּארְג וָואס דָארְט אִיז דֶער קְוַואל. אָבֶער תֵּיכֶּף וִויבַּאלְד עֶר וִויל צוּגֵיין צוּם בַּארְג. זֶעהְט עֶר שׁוֹין נִיט אַרוֹיס דֶעם שְׁפִּיץ (וָוארִין אַזוֹי אִיז זִיךְ דֶער שְׁטֵייגֶער. בַּיי אַ הוֹיכִין בַּארְג. פוּן וַוייטִין אַז מֶע שְׁטֵייט. זֶעהְט מֶען אַרוֹיס דֶעם שְׁפִּיץ. אוּן אַז מֶע גֵייט צוּ נָאהֶנְט זֶעהְט מֶען שׁוֹין נִיט אַרוֹיס דֶעם שְׁפִּיץ) קָאן עֶר שׁוֹין נִיט קוּקִין אוֹיף דֶעם קְוַואל. קָאן עֶר חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְגֵיין אוּן אַז דָאס הַארְץ זָאל חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְגֵיין. וָואלְט גָאר דִי וֶועלְט

חָרוֹב גִיוָוארִין וָוארִין דָאס הַארֶץ אִיז זִיךְ דָאס חִיוּת פוּן אִיטְלִיכֶער זַאךְ אוּן וִוי קָאן דִי וֶועלְט אַ קִיוּם הָאבִּין אָן דֶעם הַארֶץ. אִיבֶּער דֶעם קָאן דָאס הַארְץ נִיט צוּ גֵיין צוּם דֶעם קְוַואל. נָאר סֶע שְׁטֵייט תָּמִיד אַקֶעגִין דֶעם קְוַואל אוּן סֶע בֶּענְקְט אוּן סֶע שְׁרַייט תָּמִיד אַז סֶע זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם קְוַואל כַּנַּ"ל.

אוּן דֶער קְוַואל הָאט גָאר קֵיין זְמַן נִיט. וָוארִין דֶער קְוַואל אִיז גָאר נִיט אִין זְמַן. (כְּלוֹמֶר דֶער קְוַואל הָאט קֵיין שׁוּם צַייט נִיט דְהַיינוּ עֶר הָאט נִיט קֵיין שׁוּם טָאג אוּן קֵיין שׁוּם צַייט אִין דֶער וֶועלְט. וָוארִין עֶר אִיז גָאר הֶעכֶער פוּן דֶער צַייט פוּן דֶער וֶועלְט) לוּשְׁמִיר. וִוי אַזוֹי קָאן דֶער קְוַואל זַיין אִין דֶער וֶועלְט. (וָוארִין אִין דֶער וֶועלְט קָאן זִיךְ קֵיין זַאךְ נִיט זַיין אָן אַ צַייט). לוּשְׁמִיר גָאר דִי צַייט פוּן דֶעם קְוַואל אִיז נָאר וָואס דָאס הַארְץ שֶׁענְקְט דֶעם קְוַואל אַ טָאג בְּמַתָּנָה. אוּן אַז דֶער טָאג וִויל זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְלָאזִין. אוּן וִוי דֶער טָאג וֶועט אַוֶועק גֵיין וֶועט זִיךְ שׁוֹין דֶער קְוַואל קֵיין זְמַן נִיט הָאבִּין וֶועט דֶער קְוַואל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט. וִוי דֶער קְוַואל וֶועט נִיט זַיין. וֶועט זִיךְ דָאס הַארְץ אוֹיךְ אוֹיסְגֵיין חַס וְשָׁלוֹם. וֶועט חַס וְשָׁלוֹם גָאר דִי וֶועלְט בָּטֵל וֶוערְן כַּנַּ"ל. אַזוֹי וִוי סֶע קוּמְט נָאהֶנְט צוּם סוֹף טָאג. אַזוֹי הֵייבִּין זֵיי זִיךְ אָן צוּ גִיזֶעגִינֶען אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערְין דָאס הַארֶץ מִיט דֶעם קְוַואל. אוּן זֵיי הֵייבִּין אָן צוּ זָאגִין חִידוֹת אוּן שִׁירִים אוּן לִידֶער אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְין זֵייעֶר וואוּילֶע חִידוֹת אוּן לִידֶער. מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט אוּן מִיט גְרוֹיס בֶּענְקֶעכְץ זֵייעֶר אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְין דָאס הַארֶץ צוּם קְוַואל. אוּן דֶער קְוַואל צוּ דֶעם הַארְץ. אוּן דֶער אֶמֶתִיר אִישׁ חֶסֶד. הָאט דְרָאף הַשְׁגָחָה. אוּן עֶר הִיט דָאס אָפּ. אוּן וִוי סֶע קוּמְט דֶער טָאג גָאר צוּם סוֹף. נָאר עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְלָאזְן (וָואס הָאט בַּאלְד וִוי דֶער טָאג וֶועט זִיךְ אוֹיסְלָאזִין אוּן דֶער קְוַואל וֶועט שׁוֹין קֵיין טָאג נִיט הָאבִּין כַּנַּ"ל וֶועט עֶר אַוֶועק גֵיין אוּן אַזוֹי וֶועט חַס וְשָׁלוֹם דָאס הַארְץ אוֹיךְ אוֹיסְגֵיין. וֶועט חַס וְשָׁלוֹם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט חָרוֹב וֶוערִין) אַזוֹי קוּמְט אָן דֶער אֶמֶתִיר אִישׁ חֶסֶד אוּן שֶׁענְקְט אַ טָאג דֶעם הַארְצִין. אוּן דָאס הַארֶץ שֶׁענְקְט דֶעם טָאג דֶעם קְוַואל. אַזוֹי הָאט שׁוֹין וִוידֶער. דֶער קְוַואל אַ זְמַן (דְהַיינוּ דֶעם טָאג קָאן שׁוֹין דֶער קְוַואל ווִידֶער אַ קִיוּם הָאבִּין קָאן שׁוֹין דָאס הַארְץ אוֹיךְ אַ קִיוּם הָאבִּין וְכוּ') אוּן אַז דֶער טָאג קוּמְט אָן פוּן וַואנֶען עֶר קוּמְט אַזוֹי גֵייט דֶער טָאג אוֹיךְ מִיט חִידוֹת. אוּן מִיט וואוּילֶע שִׁירִים וָואס אִין זֵיי אִיז דָא אַלֶע חָכְמוֹת. אוּן סֶע אִיז דָא חִילוּקִים צְוִוישְׁן דִי טֶעג. וָוארִין סֶע אִיז פַּארְהַאנְדִין זוּנְטָאג אוּן מָאנְטָאג וְכוּ'. אוּן אַזוֹי אִיז פַּארְהַאנְדִין רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אוּן יָמִים טוֹבִים. (כְּלוֹמֶר וֶועדְלִיג דֶעם טָאג וָואס פַאר אַטָאג סֶע קוּמְט. מִיט אַזוֹינֶע שִׁירִים קוּמְט עֶר אָן).

אוּן גָאר דֶער זְמַן וָואס דֶער אֶמֶתִיר אִישׁ חֶסֶד הָאט. אִיז זִיךְ אַלְץ דָארְךְ מִיר. (דְהַיינוּ דָארְךְ דֶעם כְּבַד פֶּה וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) וָוארִין אִיךְ גֵיי זִיךְ אוּן נֶעם צוּם אוֹיף אַלֶע אֶמֶתִי חַסָדִים. וָואס פוּן זֵיי וֶוערְט גָאר דֶער זְמַן כַּנַּ"ל. (אוּן אִיבֶּער דֶעם אִיז דֶער כְּבַד פֶּה קְלוּגֶער אַפִילוּ פוּן דֶעם חָכָם וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט עֶר אִיז קְלוּג וִוי וֶועלְכֶער טָאג מֶע וִויל. וָוארְן גָאר דִי צַייט מִיט דִי טֶעג וֶוערִין זִיךְ גָאר דוּרְךְ אִים. וָואס דִי טֶעג קוּמֶען אָן מִיט שִׁירִים אוּן חִידוֹת וָואס אִין זֵיי אִיז אַלֶע חָכְמוֹת וְכוּ' כַּנַּ"ל).

נִמְצָא הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַ הַסְכָּמָה פוּן דֶעם אֶמֶתִין אִישׁ חֶסֶד. אַז אִיךְ קֶען רֵיידִין חִידוֹת אוּן שִׁירִים וָואס אִין זֵיי אִיז אַלֶע חָכְמוֹת (וָוארִין גָאר דִי טֶעג מִיט דִי חִידוֹת מִיט דִי שִׁירִים וֶוערִין זִיךְ גָאר דוּרְךְ אִים כַּנַּ"ל) הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ. אִיז דָארְט גִיוָוארִין אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה. אוּן זֵיי הָאבִּין אַ הִילוּא גִיטָאן.

## דֶעם פערטִין טָאג

אַז זֵיי הָאבִּין גוֹמֵר גִיוֶוען דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם טָאג. אוּן זֵיי הָאבִּין דֶערנָאךְ אִיבֶּער גִינֶעכְטִיגְט. אִין דֶערפְרִיא הָאבִּין זֵיי זִיךְ ווִידֶער דֶערמַאנְט אוּן הָאבִּין גִיבֶּענְקְט וְכוּ' נָאךְ דֶעם בֶּעטְלֶער וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אַ קְרוּמֶען הַאלְז דֶערוַוייל קוּמְט עֶר אַרַיין אוּן זָאגְט אִיךְ בִּין דָא וְכוּ'. פְרִיר הָאבּ אִיךְ אַייךְ גִיבֶּענְטְשְׁט אַז אִיר זָאל זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דְרָשָׁה גִישַׁאנְק אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ. אִיר מֵיינְט. אַז אִיךְ הָאבּ אַ קְרוּמֶען הַאלְדְז. אִיךְ הָאבּ גָאר קֵיין קְרוּמֶען הַאלְדְז נִיט. אַדְרַבָּא אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ גְלַייכִין הַאלְז. זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶעם הַאלְז. נָאר סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין הַבְלֵי עוֹלָם. (דְהַיינוּ נַארִישְׁקֵייט פוּן דֶער וֶועלְט) אוּן אִיךְ ווִיל גָאר קֵיין שׁוּם דוּךְ אִין דֶער וֶועלְט נִיט אַרַיין לָאזִין. (אוּן דְרִיבֶּער הָאט עֶר אַ פָּנִים ווִי אַ קְרוּמֶער הַאלְז. וָוארִין עֶר פַארְקְרוּמְט דֶעם הַאלְז פוּן דִי הַבְלֵי עוֹלָם אוּן עֶר ווִיל גָאר קֵיין שׁוּם דוּךְ אִין דֶער וֶועלְט נִיט אַרַיין לָאזִין) אָבֶּער צוּם אֶמֶת הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶעם הַאלְז. זֵייעֶר אַ וואוֹילִין הַאלְז. וָוארִין אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ וואוֹיל קוֹל. אוּן אַלֶע קוֹלוֹת וָואס אִין דֶער וֶועלְט וָואס נָאר אַ קוֹל אָן אַ דִיבּוּר. קָאן אִיךְ אַלֶע קוֹלוֹת נָאךְ מַאכִין מִיט מַיין קוֹל. וָוארִין אִיךְ הָאבּ אַ הַאלְז אוּן אַ קוֹל זֵייעֶר אַ וואוֹילְס אוּן אִיךְ הָאבּ אַ הַסְכָּמָה דְרוֹיף פוּן דֶער מְדִינָה.

וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ מְדִינָה וָואס זֵיי קָאנֶען אַלֶע זֵייעֶר וואוֹיל דִי חָכְמָה פוּן מָאזִיקַא. (דְהַיינוּ דִי חָכְמָה פוּן שְׁפִּילִין אוּן זִינְגְען) אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע דָארְט עוֹסֵק אִין דֶער חָכְמָה. אוּן אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער. סֶע אִיז דָארְטִין נִיט פַארְהַאנְדִין אַ קִינְד וָואס סֶע זָאל נִיט קֶענֶען שְׁפִּילִין אוֹיף עֶפֶּעס אַ כְּלִי שִׁיר. אוּן דֶער קְלֶענְצְטֶער פוּן דֶער מְדִינָה אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אִין אֵיין אַנְדֶערֶע מְדִינָה אִין דֶער חָכְמָה פוּן מָאזִיקַא. אוּן דִי חֲכָמִים אוּן דֶער מֶלֶךְ פוּן דֶער מְדִינָה אוּן דִי קַאפֶּעלְיִיס זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר ווִילְד גְרוֹיסֶע חֲכָמִים. אִין דֶער חָכְמָה.

אַמָאל זֶענֶען גִיזֶעסְן דִי חֲכָמִים פוּן דֶער מְדִינָה. אוּן אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין חָכְמָה אִין מָאזִיקַא דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט עֶר קָאן שְׁפִּילִין אוֹיף דֶעם כְּלִי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט עֶר קָאן שְׁפִּילִין אוֹיף דֶעם כְּלִי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט דֶעם כְּלִי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט עֶר קָאן שְׁפִּילִין אוֹיף עֶטְלִיכֶע כְּלֵי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר קָאן שְׁפִּילִין אוֹיף אַלֶע כְּלֵי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. אַז עֶר קָאן מַאכִין מִיט זַיין קוֹל אַזוֹי ווִי דָאס כְּלֵי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר קָאן מַאכִין מִיט זַיין קוֹל אַזוֹי ווִי דָאס כְּלִי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר קָאן מַאכִין מִיט זַיין קוֹל אַזוֹי ווִי עֶטְלִיכֶע כְּלֵי שִׁיר. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר קָאן מַאכִין מִיט זַיין קוֹל אַזוֹי ווִי אַ פּוֹיק פּוּנְקְט. גְלַייךְ ווִי מֶע פּוֹיקְט. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר קָאן מַאכִין מִיט זַיין קוֹל אַזוֹי ווִי מֶע שִׁיסְט אוֹיס פוּן אֵיין הוּרְמַאטֶעס אוּן אִיךְ בִּין דָארְט אוֹיךְ גִיוֶוען (דְהַיינוּ דֶער מִיט דֶעם קְרוּמֶען הַאלְז וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפְן אוּן הָאבּ צוּ זֵיי גִיזָאגְט מַיין קוֹל אִיז בֶּעסֶער פוּן אַייעֶרֶע קוֹלוֹת. וְהָא רַאְיָה. וָוארִין אַז אִיר זֶענְט יוֹא אַזוֹינֶע חֲכָמִים אִין מָזִיקַא הֶעלְפְט זֶע דִי צְוֵויי מְדִינוֹת.

וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין צְוֵויי מְדִינוֹת. אוּן דִי צְוֵויי מְדִינוֹת זֶענֶען וַוייט אֵיינֶער פוּן דֶער אַנְדֶערֶער טוֹיזִינְט מַייל. אוּן דָארְט אִין דִי צְוֵויי מְדִינוֹת אַז סֶע קוּמְט דִי נַאכְט קָאן מֶען נִיט שְׁלָאפִין וָוארִין אַז סֶע וֶוערְט נַאכְט אַזוֹי הֵייבִּין זֵיי אַלֶע אָן צוּ קְלָאגִין מִיט אַ קוֹל יְלָלָה. אֲנָשִׁים וְנָשִׁים וְטַף. וָוארִין בַּיינַאכְט. הֶערְט מֶען דָארְט אַ קוֹל יְלָלָה זֵייעֶר (דְהַיינוּ אַ וֵויינִינְדִיק קוֹל פוּן קְלָאגִין) אוּן מַחְמַת דֶעם מוּזִין זֵיי אַלֶע דָארְט אָנְהֵייבִּין צוּ קְלָאגִין. מַאנֶען אוּן ווַייבֶּער אוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער. אַז סֶע זָאל לִיגִין אַ שְׁטֵיין וָואלְט עֶר צוּגָאסִין גִיוָוארִין. אוּן אַזוֹי פִירְט זִיךְ אִין דִי צְוֵויי מְדִינוֹת. וָוארִין אִין דֶער מְדִינָה הֶערְט מֶען דָאס קוֹל יְלָלָה מוּזִין זֵיי אַלֶע קְלָאגִין כַּנַ"ל. אוּן אַזוֹי אִין דֶער אַנְדֶערֶע מְדִינָה אִיז אוֹיךְ אַזוֹי. אוּן אֵיין מְדִינָה פוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז וַוייט טוֹיזִינְט מַייל. בְּכֵן אַז אִיר זֶענְט אַזוֹינֶע חֲכָמִים אִין

מָאזִיקָא. (דְהַיינוּ אִיר קָאנְט שְׁפִּילִין אוּן זִינגֶען) הֶעלְפְט זֶע דִי צְוֵויי מְדִינוֹת. אָדֶער מַאכְט חָאטְשֶׁע נָאךְ דָאס קוֹל (דְהַיינוּ דָאס קוֹל יְלָלָה וָואס מֶע הֶערְט דָארְט מַאכְט נָאךְ דָאס קוֹל) הָאבִּין זֵיי צוּ אִים גִיזָאגְט. וֶועסְטוּ אוּנְז אַהִין פִירִין. הָאט עֶר גִיזָאגְט. יוֹא. אִיךְ פִיר אַייךְ אַהִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין אַלֶע אַהִין צוּ גֵיין.

זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן זֵיי זֶענֶען אַהִין גִיקוּמֶען (דְהַיינוּ צוּ אֵיין מְדִינָה פוּן דִי צְוֵויי מְדִינוֹת הַנַ"ל) וִוי סֶע גִיקוּמֶען נַאכְט. אִיז גִיוֶועןאַזוֹי וִוי תָמִיד. זֵיי הָאבִּין אַלֶע אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ קְלָאגִין אוּן דִי חֲכָמִים הָאבִּין אוֹיךְ גִיקְלָאגְט. (הָאבִּין זֵיי שׁוֹין גִיזֶעהְן אַז זֵיי קֶענֶען זֵיי נִיט הֶעלְפִין) הָאט עֶר צוּ זֵיי גִיזָאגְט (דְהַיינוּ דֶער וָואס הָאט גִיהַאט אֵיין קְרוּמֶען הַאלְז הָאט גִיזָאגְט צוּ דִי חֲכָמִים הַנַ"ל) עַל כָּל פָּנִים. זָאגְט מִיר פוּן וַואנֶעט אִיז דָאס קוֹל יְלָלָה וָואס מֶע הֶערְט דָארְט פוּן וַואנֶעט אִיז דָאס קוֹל. הָאבִּין זֵיי צוּ אִים גִיזָאגְט. אוּן דוּ וֵוייסְט. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. אִיךְ וֵוייס יוֹא.

וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין צְוֵויי פֵייגִיל. אֵיינֶער אֵיין עֶר אוּן אֵיינֶער אַ זִי, אוּן דִי פֵייגִיל זֶענֶען נָאר אֵיין פָּאר אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דִי זִי פַארְפַאלִין גִיוָוארִין. זוּכְט עֶר זִי אוּן זִי זוּכְט אִים. הָאבִּין זֵיי זִיךְ זֵייעֶר לַאנְג גִיזוּכְט. אֵיינְס דָאס אַנְדֶערְע. בִּיז זֵיי זֶענֶען פַאר עֶרְט גִיוָוארִין. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ שׁוֹין נִיט גִיפִינֶען אֵיינְס דָאס אַנְדֶערְע. זֶענֶען זֵיי גִיבְּלִיבְּן שְׁטֵיין. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִימַאכְט נֶעסְטִין. דֶער עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט אַ נֶעסְט לֶעבִּין אֵיין מְדִינָה פוּן דִי צְוֵויי מְדִינוֹת. אוּן נִיט רֶעכְט נָאהֶנְט נָאר וֶועדְלִיג דָאס קוֹל פוּן דֶעם פוֹיגִיל הֵייסְט דָאס נָאהֶנְט וָוארִין פוּן דֶעם אָרְט וִוי עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט אַ נֶעסְט קָאן מֶען שׁוֹין פוּן דָארְט הֶערִין זַיין קוֹל אִין דֶער מְדִינָה. אוּן אַזוֹי זִי הָאט זִיךְ אוֹיךְ גִימַאכְט אַ נֶעסְט לֶעבִּין דֶער אַנְדֶערֶער מְדִינָה. (דְהַיינוּ אוֹיךְ אַזוֹי נִיט רֶעכְט נָאהֶנְט. נָאר פוּן דָארְט קָאן מֶען שׁוֹין הֶערִין אִיר קוֹל דָארְט) אוּן אַז סֶע קוּמְט דִי נַאכְט. אַזוֹי הֵייבִּין אָן דִי פָּאר פֵייגִיל צוּ קְלָאגִין. וָוארִין עֶר קְלָאגְט אוֹיף אִיר. אוּן זִי קְלָאגְט אוֹיף אִים. קְלָאגִין זֵיי זֵייעֶר מִיט אַ גְרוֹיס קוֹל יְלָלָה. אוּן דָאס אִיז דָאס קוֹל יְלָלָה. וָואס מֶע הֶערְט אִין דִי צְוֵויי מְדִינוֹת. וָואס מַחְמַת דֶעם קוֹל מוּזִין זֵיי אַלֶע קְלָאגְן דָארְט אוּן קֶענֶען נִיט שְׁלָאפִין. (אַזוֹי הָאט דֶער קְרוּמֶער הַאלְז זֵיי אַלְץ דֶערְצֵיילְט) לוֹשְׁמִיר זֵיי הָאבִּין אִים דָאס נִיט גִיוָואלְט גְלֵייבִּין. הָאבִּין זֵיי צוּ אִים גִיזָאגְט. וֶועסְטוּ אוּנְז אַהִין פִירִין (דְהַיינוּ צוּ דִי פֵייגִיל) הָאט עֶר גִיזָאגְט יוֹא. אִיךְ קָאן אַייךְ פִירִין אַהִין. לוֹשְׁמִיר וִוי קָאנְט אִיר קוּמֶען אַהִין. מַיידוּךְ דָא קָאנְט אִיר נִיט אוֹיס שְׁטֵיין דָאס קוֹל יְלָלָה. אוּן אִיר מוּזְט אַלֶע קְלָאגִין. אַז אִיר וֶועט אַהִין קוּמֶען. וֶועט אִיר זִיךְ שׁוֹין גָאר נִיט קָאנֶען אוֹיסְשְׁטֵיין דָאס קוֹל יְלָלָה.

אוּן בַּייטָאג קָאן מֶען דָארְט דִי שִׂמְחָה נִיט אוֹיסְשְׁטֵיין. וָוארְן בַּיי טָאג קוּמֶען זִיךְ דָארְט צוּם אוֹיף פֵייגִיל צוּ אִיטְלִיכְן בַּאזוּנְדֶער. דְהַיינוּ צוּ אִים אוּן צוּ אִיר. אוּן זֵיי טְרֵייסְטִין זֵיי אוּן מַאכִין זֵיי פְרֵיילִיךְ מִיט זֵייעֶר גְרוֹיסֶע שִׂמְחוֹת. אוּן זֵיי רֵיידִין זֵיי אוֹיס אוּן טְרֵייסְטִין זֵיי. אִיר וֶועט זִיךְ נָאךְ אָפְּזוּכִין. אֵיינְס דָאס אַנְדֶערְע. אוּן זֵיי מַאכִין זֵיי זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. בִּיז בַּיי טָאג קָאן מֶען דָארְט דִי שִׂמְחָה נִיט אוֹיסְשְׁטֵיין. אוּן דָאס קוֹל פוּן דֶער שִׂמְחָה הֶערְט מֶען נִיט וַוייט. נָאר אַז מֶען קוּמְט אַהִין. אָבֶּער דָאס קוֹל יְלָלָה דָאס הֶערְט מֶען וַוייט. קָאנְט אִיר דְרִיבֶּער אַהִין נִיט קוּמֶען. הָאבִּין זֵיי צוּ אִים גִיזָאגְט. קָאנְסְטוּ דָאס פַארְרֶעכְטִין. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט יוֹא. אִיךְ קָאן דָאס פַאר רֶעכְטִין. וָוארִין אִיךְ קָאן נָאךְ מַאכִין אַלֶע קוֹלוֹת פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן ווִידֶער אִיךְ קָאן וַוארְפִין קוֹלוֹת. דְהַיינוּ אִיךְ קָאן וַוארְפִין אַ קוֹל. וָואס דָא וִוי אִיךְ לָאז אַרוֹיס דָאס קוֹל. זָאל מֶען דָאס קוֹל גָאר נִיט הֶערִין. נָאר וַוייט זָאל מֶען דָארְט דָאס קוֹל הֶערִין דְרִיבֶּער קָאן אִיךְ וַוארְפִין דָאס קוֹל פוּן אִיר צוּ אִים. דְהַיינוּ דָאס קוֹל וָואס אִיךְ וֶועל אִיר נָאךְ מַאכִין זָאל אָנְקוּמֶען נָאהֶנְט צוּ דֶעם אָרְט וואוּ עֶר אִיז. אוּן אַזוֹי קָאן אִיךְ וַוארְפִין זַיין קוֹל אַז סֶע זָאל אָנְקוּמֶען נָאהֶנְט צוּ אִיר. אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועל אִיךְ זֵיי צוּם אוֹיף צִיהֶען. (בִּיז עֶר וֶועט זֵיי צוּם אוֹיף בְּרֶענְגֶען).

לוּשְׁמִיר װֶער װֶעט דָאס אִים גְלֵייבִּין. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט זֵיי גִיפִירְט אִין אַ װַאלְד אַרַיין. הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט. אַזוֹי װִי אֵיינֶער עֶפִּינְט אוֹיף אַ טִיר אוּן פַארְמַאכְט זִי װִידֶער אוּן טוּט אַ קְלַאפּ מִיט דֶער קְלַאימְקֶע. אוּן שִׁיסְט אוֹיס מִיט אַ בִּיקְס. אוּן שִׁיקְט נָאךְ דֶעם הוּנְט אַז עֶר זָאל חַאפִּין. אוּן דֶער הוּנְט הָאט גִיגְרָאזְנִיט אִין שְׁנֵיי. אוּן דָאס הָאבִּין זֵיי אַלְץ גִיהֶערְט. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוּם גִיקוּקְט. הָאבִּין זֵיי נִיט גִיזֶעהְן קֵיין שׁוּם זַאךְ אוּן פוּן אִיהם הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ נִיט גִיהֶערְט קֵיין שׁוּם קוֹל. (נָאר עֶר דְהַיינוּ דֶער קְרוּמֶער הַאלְז הָאט עֶר עֶס גִיוָוארְפִין אַזוֹינֶע קוֹלוֹת. הָאבִּין זֵיי זִיךְ שׁוֹין גִיזֶעהְן אַז עֶר קָאן נָאךְ מַאכִין אַלִירְלֵיי קוֹלוֹת אוּן עֶר קָאן װַארְפִין קוֹלוֹת). (אוּן װַייטֶער הָאט עֶר דָא נִיט דֶערְצֵיילְט. אוּן סֶע גֵייט דָא נָאךְ אָפּ). נִמְצָא הָאבּ אִיךְ אַ הַסְכָּמָה פוּן דֶער מְדִינָה. אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ װאוִיל קוֹל אוּן אִיךְ קָאן נָאךְ מַאכִין אַלֶע קוֹלוֹת פוּן דֶער װֶעלְט. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי װִי אִיךְ. אִיז דָארְט גִיוָוארִין אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה זֵייעֶר.

## דֶעם פִּיפְטִין טָאג

דֶעם פִּיפְטִין טָאג. זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען. הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין דֶעם בֶּעטְלֶער װָאס עֶר אִיז גִיוֶוען אַ הוֹיקֶער. אוּן זֵיי הָאבִּין זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט װִי נֶעמְט מֶען אַהֶער דֶעם בֶּעטְלֶער דֶעם הוֹיקֶער. װָארִין אַז עֶר זָאל דָא זַיין װָאלְט מֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען. אִין דֶעם קוּמְט עֶר אָן. אוּן זָאגְט אִיךְ בִּין דָא. אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חַתוּנָה. אוּן אִיז זֵיי אַרוּם גִיפַאלִין. אוּן הָאט זֵי גִיהַאלְזְט אוּן גִיקוּשְׁט. אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט. פְרִיר הָאבּ אִיךְ אַייךְ גִיבֶּענְטְשְׁט אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי װִי אִיךְ. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ [אַייךְ] דְרָשָׁה גִישַׁאנְק. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי װִי אִיךְ. אוּן אִיךְ בִּין גָאר קֵיין הוֹיקֶער נִיט. אַדְרַבָּא. אִיךְ הָאבּ אַזוֹינֶע פְּלֵייצֶעס. װָאס זֵיי זֶענֶען מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה אוּן אִיךְ הָאבּ דְרוֹיף אֵיין הַסְכָּמָה.

װָארִין אַמָאל אִיז גִיוֶוען אֵיין שְׁמוּס װָאס מֶענְטְשְׁן הָאבִּין זִיךְ בַּארִימְט מִיט דֶער זַאךְ. אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר הָאט דִי זַאךְ פוּן מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה (כְּלוֹמֶר אַ קְלֵיין אָרְט זָאל הַאלְטִין פִיל) הָאט מֶען פוּן אֵיינֶעם גִילַאכְט. אוּן דִי אִיבְּרִיקֶע װָאס זֵיי הָאבִּין זִיךְ בַּארִימְט. מִיט דֶער זַאךְ פוּן מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. זֶענֶען יוֹא גִיפֶעלִין. אָבֶּער מַיין מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. אִיז גְרֶעסֶער פוּן זֵיי אַלֶע. װָארִין אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז זַיין מוֹחַ אִיז אַ מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. װָארִין עֶר טְרָאגְט אוֹיף זַיין מוֹחַ אֲלָפִים וּרְבָבוֹת מֶענְטְשְׁן. מִיט גָאר זֵייעֶר הִצְטַרְכוּת מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע הַנְהָגוֹת מִיט גָאר זֵייעֶרֶע הֲוָיוֹת מִיט זֵייעֶרֶע תְּנוּעוֹת. טְרָאגְט עֶר דָאס אַלְץ. גָאר אוֹיף זַיין מוֹחַ. אִיז עֶר זִיךְ אַ מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. װָארִין אַ שְׁטִיקִיל מוֹחַ זָאל אוֹיף זִיךְ טְרָאגִין אַזוֹי פִיל מֶענְטְשְׁן מִיט גָאר זֵייעֶר הִצְטַרְכוּת וְכוּ' (דְרוּם הֵייסְט עֶר אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה דְהַיינוּ אַ שְׁטִיקִיל אָרְט הַאלְט אוֹיף זִיךְ אוּן טְרָאגְט אַזוֹי פִיל דְהַיינוּ דָאס שְׁטִיקִיל מוֹחַ טְרָאגְט אַזוֹי פִיל מֶענְטְשְׁן מִיט גָאר זֵייעֶרֶע זַאכִין וְכוּ' כַּנַּ"ל) הָאט מֶען אוֹיס אִים גִילַאכְט. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ דָארְט אָנְגִירוּפִין. דוּ בִּיסְט נִישְׁט. אוּן דַיינֶע לַייט זֶענֶען נִישְׁט. הָאט זִיךְ אֵיינֶער אָנְגִירוּפִין אוּן הָאט גִיזָאגְט. אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהְן אַזוֹי אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. װָארִין אַמָאל בִּין אִיךְ פִיר גִיגַאנְגֶען. פַאר אַ בַּארְג. הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן. סֶע אִיז אוֹיף דֶעם בַּארְג גִיוֶוען זֵייעֶר אַסַאךְ מִיסְט אוּן טִינוּף. אִיז. בַּיי מִיר אַ חִידוּשׁ גִיוֶוען. פוּן װַאנֶעט קוּמְט אוֹיף דֶעם בַּארְג. אַזוֹי פִיל מִיסְט אוּן טִינוּף. אִיז דָארְט גִיוֶוען אַ מֶענְשׁ לֶעבִּין דֶעם בַּארְג. הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גִיזָאגְט. דָאס אִיז אַלְץ פוּן מִיר. װָארִין עֶר אִיז דָארְט גִיזֶעסִין לֶעבִּין דֶעם בַּארְג. הָאט עֶר אַלְץ גִיוָוארְפְן אוֹיף דֶעם בַּארְג מִיסְט אוּן פַּאסְקִיטְצֶװֶע פוּן זַיין עֶסִין אוּן טְרִינְקֶען. אִיז דָאס פוּן אִים אַזוֹי פִיל מִיסְט אוּן טִינוּף אוֹיף דֶעם בַּארְג. נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. װָארִין פוּן אֵיין מֶענְטְשְׁן זָאל אַזוֹיפִיל מִיסְט זַיין. אַזוֹי אִיז דָאס אוֹיךְ (דְהַיינוּ אַזוֹי אִיז דֶער מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה פוּן דֶעם װָאס עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז

עֶר טְרָאגְט אוֹיף זַיין מוֹחַ אַזוֹי פִּיל מֶענְטְשְׁן וְכוּ').

אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט דִי זַאךְ פוּן מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. וָוארִין עֶר הָאט אַ שְׁטִיקִיל מְדִינָה. וָואס סֶע גִיט אוֹיס זֵייעֶר אַ סַאךְ פֵּירוֹת דֶערְנָאךְ בַּארֶעכִינְט מֶען דִי פֵּירוֹת וָואס דִי מְדִינָה גִיט אוֹיס. זֶעהְט מֶען אַז דִי מְדִינָה הַאלְט גָאר נִיט אַזוֹי פִּיל אָרְט וְוִיפִּיל דִי פֵּירוֹת בַּאדַארְפִין פַּארְנֶעמֶען. סֶע גָאר אַזוֹי פִּיל אָרְט אִין דֶער מְדִינָה נִיט דָא וְוִיפִּיל דִי פֵּירוֹת בַּאדַארְפִין פַּארְנֶעמֶען. נִמְצָא אִיז זִיךְ דָאס אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. (דְהַיינוּ אַ בִּיסְל אָרְט הַאלְט אַזוֹי פִּיל) זֶענֶען זֵיינֶע רֵייד גִיפֶּעלִין זֵיי. אַז דָאס אִיז בְּוַודְאַי אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. אֵיינֶער הָאט גִיזָאגְט. בַּאֲשֶׁר עֶר הָאט אֵיין פַּרְדֵס (דְהַיינוּ אַ גָארְטִין) זֵייעֶר אַ וואוֹילִין וָואס סֶע אִיז דָארְט דָא פֵּירוֹת וְכוּ' פָּארִין אַהִין זֵייעֶר פִּיל מֶענְטְשְׁן אוּן שְׂרָרוֹת. וָוארִין סֶע אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶער פַּרְדֵס. אוּן אַז סֶע קוּמְט זוּמֶער פָארִין אַהִין זֵייעֶר פִּיל מֶענְטְשְׁן אוּן שְׂרָרוֹת זִיךְ שְׁפַּאצִירִין דָארְט. אוּן צוּם אֶמֶת אִיז דָארְט אִין דֶעם גָארְטִין. גָאר נִיט פַארְהַאנְדִין אַזוֹי פִּיל אָרְט אַז סֶע זָאל קָאנֶען הַאלְטִין אַזוֹי פִּיל מֶענְטְשְׁן. אִיז זִיךְ דָאס אַ מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. אִיז דֶער אוֹיךְ גִיפֶּעלְן זֵיי.

אֵיינֶער הָאט גִיזָאגְט. אַז זַיין דִיבּוּר אִיז אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. וָוארִין עֶר אִיז אֵיין סֶעקְרִיטַאר בַּיי אַ גְרוֹיסִין מֶלֶךְ. אוּן צוּ דֶעם מֶלֶךְ קוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְשְׁן. דֶער קוּמְט מִיט שְׁבָחִים צוּם מֶלֶךְ (דְהַיינוּ זֵיי זָאגִין אִיטְלִיכֶער אַ לוֹיבּ צוּם מֶלֶךְ) דֶער קוּמְט מִיט בַּקָשׁוֹת צוּם מֶלֶךְ. אוּן אַזוֹי דֶעסְט גְלַייכִין. אוּן דֶער מֶלֶךְ קָאן בְּוַודְאַי נִיט דָאס אַלְץ אוֹיסְהֶערִין. נֶעם אִיךְ צוּם אוֹיף אַלֶע זֵייעֶרֶע רֵייד אִין עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער נָאר. אוּן אִיךְ דֶערְצֵייל דֶעם מֶלֶךְ. נָאר עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער. אִיז דְרִינֶען כָּלוּל אַלֶע שְׁבָחִים אוּן אַלֶע בַּקָשׁוֹת זֵייעֶרֶע אוּן גָאר זֵייעֶרֶע רֵייד קוּמֶען אַלֶע אַרַיין אִין דִי עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער מַיינֶע וָואס אִיךְ דֶערְצֵייל דֶעם מֶלֶךְ. נִמְצָא אִיז זִיךְ מַיין דִיבּוּר אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. אֵיינֶער הָאט גִיזָאגְט. זַיין שְׁתִיקָה (דְהַיינוּ זַיין שְׁוַוייגִין) אִיז מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. וָוארִין עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מְקַטְרִיגִים אוּן בַּעֲלֵי לָשׁוֹן הָרָע וָואס זֵיי רֵיידִין אוֹיף אִים זֵייעֶר פִּיל. וָוארִין מֶע קְרִיגְט אוֹיף אִים אוּן מֶע רֶעט אוֹיף אִים זֵייעֶר אַסַאךְ. אוּן וָואס מֶע רֶעט אוֹיף אִים אוּן מֶע קְרִיגְט אוֹיף אִים. אוּן וָואס מֶע זָאגְט אוֹיף אִים. טוּט עֶר אֵיין שְׁוַוייג. אִיז דָאס אַ תֵּירוּץ אוֹיף אַלֶע קַשְׁיוֹת אוּן אוֹיף אַלֶע רֵיידִיכְץ וָואס מֶע רֶעט אוֹיף אִים. אוּן נָאר מִיט זַיין שְׁוַוייג פַארְעֶנְטְפֶערְט עֶר אַלְץ. נִמְצָא אִיז זַיין שְׁתִיקָה אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. אֵיינֶער הָאט גִיזָאגְט. עֶר אִיז אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. וָוארִין סֶע אִיז פַאר הַאנְדִין אֵיין אָרִימַאן אוּן דֶער אָרִימַאן אִיז אַ סַגִי נְהוֹר. אוּן אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער. אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר אַ קְלֵיינֶער. אוּן עֶר פִירְט דֶעם גְרוֹיסִין אָרִימַאן דֶעם סַגִי נְהוֹר. נִמְצָא אִיז עֶר זִיךְ אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה וָוארִין דֶער סַגִי נְהוֹר וָואלְט זִיךְ גִיקָאנְט אוֹיסְגְלִיטְשְׁן אוּן פַאלִין. אוּן עֶר דֶערְהַאלְט אִים מִיט דֶעם וָואס עֶר פִירְט אִים. אִיבֶּער דֶעם אִיז עֶר אַ מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. וָוארִין עֶר אִיז אַ קְלֵיינֶער מֶענְטְשׁ אוּן עֶר הַאלְט דֶעם גְרוֹיסִין סַגִי נְהוֹר. אוּן אִיךְ בִּין דָארְטִין אוֹיךְ גִיוֶוען. (דְהַיינוּ דֶער הוֹיקֶער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ). הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָן גִירוּפִין סֶע אִיז אֶמֶת. אַז אִיר הָאט דִי זַאךְ פוּן מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. אוּן אִיךְ וֵוייס וָואס אִיר אַלֶע הָאט גִימֵיינְט. (דְהַיינוּ דִי אַלֶע וָואס אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. וֵוייסְט עֶר וָואס אִיטְלִיכֶע הָאט גִימֵיינְט) אוּן אַפִילוּ דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר פִירְט דֶעם גְרוֹיסִין סַגִי נְהוֹר. אִיז עֶר גְרֶעסֶער פוּן אַייךְ אַלֶע. לוּשְׁמִיר אִיךְ בִּין נָאךְ גְרֶעסֶער הֶעכֶער פוּן אַייךְ אַלֶע וָוארִין דֶער וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר פִירְט דֶעם גְרוֹיסִין סַגִי נְהוֹר. מֵיינְט עֶר. עֶר פִירְט דֶעם גַלְגַל הַיָרֵחַ. (דְהַיינוּ דֶעם הִימִיל וָואס דִי לְבָנָה אִיז דָארְט) וָוארִין דִי לְבָנָה הֵייסְט אַ סַגִי נְהוֹר. וָוארִין זִי לַייכְט נִיט פוּן זִיךְ אַלֵיין וְכוּ'. אוּן דֶער פִירְט דִי לְבָנָה. חָאטְשֶׁע עֶר אִיז אַ קְלֵיינֶער אוּן דֶער גַלְגַל פוּן דֶער לְבָנָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן דָאס אִיז אַ קִיוּם פוּן גָאר דֶער וֶועלְט. (כְּלוֹמַר דוּרְךְ דֶעם הָאט גָאר דִי וֶועלְט אַ קִיוּם) וָוארִין דִי וֶועלְט

בַּאדַארְף זִיךְ דִי לְבָנָה. נִמְצָא אִיז דֶער בְּוַודַאי אַ רֶעכְטֶער מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. לוּשְׁמִיר אָבֶּער מַיין מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה אִיז הֶעכֶער גָאר פוּן אַלֶע.

וְהָא רַאְיָה. וָואר֨ין אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ כִּיתָּה. וָואס זֵיי הָאבִּין גִיקְלֶערְט. בַּאֲשֶׁר אִיטְלִיכֶע חַיָה הָאט זִיךְ אִיר צֵל (דְהַיְינוּ אִיר סָאטִין). וָואס נָאר אִין דֶעם סָאטִין דַוְוקָא. וִויל זִי דָארְט זַיין. אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ אִיטְלִיכֶע חַיָה אִיר סָאטִין בַּאזוּנְדֶער. וָוארִין אִיטְלִיכֶע חַיָה קְלוֹיבְּט זִיךְ אוֹיס אַ סָאטִין אוּן אִין דֶעם סָאטִין דַוְוקָא וִויל זִי נָאר רוּעֶן. אוּן אַזוֹי אִיטְלִיכֶעס עוֹף הָאט זִיךְ זַיין צְוַוייג. וָואס אוֹיף דֶעם צְוַוייג דַוְוקָא וִויל דָאס עוֹף רוּעֶן. אוּן אוֹיף קֵיין אַנְדֶערֶע צְוַוייג נִיט. אוּן דָאס אַנְדֶערֶע עוֹף הָאט זִיךְ אֵיין אַנְדֶערֶע צְוַוייג וָואס נָאר דָארְט רוּט עֶס. אוּן אוֹיף אֵיין אַנְדֶערֶע צְוַוייג נִיט. אוּן אַזוֹי אִיטְלִיכְס עוֹף. הָאט זִיךְ אַלְץ זַיין צְוַוייג דַוְוקָא. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין דִי כִּיתָּה גִיקְלֶערְט. אוֹיבּ סֶע גִיפִינְט זִיךְ אַזוֹי אַ בּוֹים. וָואס אִין זַיין סָאטִין זָאלִין רוּעֶן אַלֶע חַיוֹת. וָואס אַלֶע חַיוֹת זָאלִין וֶועלִין רוּעֶן אִין דֶעם סָאטִין פוּן דֶעם בּוֹים. אוּן אוֹיף דִי צְוַוייגִין פוּן דֶעם בּוֹים. זָאלִין רוּעֶן אַלֶע עוֹפוֹת. הָאבִּין זֵיי דֶערְקְלֶערְט אַז סֶע גִיפִינְט זִיךְ אַזוֹי אַ בּוֹים. הָאבְּן זֵי גִיוָואלְט אַהִין גֵיין צוּ דֶעם בּוֹים. וָוארִין דֶער תַּעֲנוּג וָואס סֶע אִיז דָארְט בַּיי דֶעם בּוֹים דָאס הָאט גָאר קֵיין שִׁיעוּר נִיט. וָוארִין דָארְט אִיז פַארְהַאנְדִין אַלֶע חַיוֹת מִיט אַלֶע עוֹפוֹת. אוּן דָארְט אִיז קֵיין שׁוּם הֶיזֵק נִיט פַארְהַאנְדִין פוּן קֵיין שׁוּם חַיָה. (כְּלוֹמַר קֵיין שׁוּם חַיָה אִיז דָארְט נִיט מַזִיק קֵיינֶעם) אוּן אַלֶע חַיוֹת זֶענֶען דָארְט אַלֶע אוֹיס גִימִישְׁט. זֵיי אַלֶע שְׁפִּילִין זִיךְ דָארְט אוּן סֶע אִיז בְּוַודַאי זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער תַּעֲנוּג צוּ זַיין דָארְט בַּיי דֶעם בּוֹים. הָאבִּין זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ קְלֶערִין וְוירִימִיר מֶע בַּאדַארְף צוּ גֵיין אַז מֶע זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם בּוֹים. אִיז גִיוָוארִין צְווִישְׁן זֵיי אַ מַחְלוֹקֶת אִין דֶער זַאךְ. אוּן סֶע אִיז צְווִישְׁן זֵיי נִיט גִיוֶוען קֵיין מַכְרִיעַ. וָוארִין דֶער הָאט גִיזָאגְט. אַז מֶע בַּאדַארְף גֵיין אַהֶער אִין דֶער זַייט קֵיין מִזְרָח. אוּן דֶער הָאט גִיזָאגְט. קֵיין מַעֲרָב זַייט בַּאדַארְף מֶען גֵיין. אוּן דֶער הָאט גִיזָאגְט אַהֶער. אוּן דֶער אַהֶער. בִּיז זֵי הָאבִּין נִיט גִיקֶענְט ווִיסִין דֶעם רֶעכְטִין וֶועג. וְוירִימִיר מֶע בַּאדַארְף צוּ גֵיין. אַז מֶע זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם בּוֹים. אִיז גִיקוּמֶען אַ חָכָם אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט. וָואס קְלֶערְט אִיר. דוּרְךְ וֶועלְכֶער זַייט מֶע בַּאדַארְף צוּ גֵיין צוּ דֶעם בּוֹים. קְלֶערְט פְרִיר. וֶוער סֶע זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זָאלִין קֶענֶען קוּמֶען צוּ דֶעם בּוֹים. וָוארִין צוּ דֶעם בּוֹים קָאן נִיט אִיטְלִיכֶער קוּמֶען. וָוארִין צוּ דֶעם בּוֹים קָאן מֶען נִיט קוּמֶען. נָאר דֶער וָואס עֶר הָאט דִי מִדוֹת פוּן דֶעם בּוֹים. וָוארְן דֶער בּוֹים הָאט דְרַיי שָׁרָשִׁים (דְהַיְינוּ דְרַיי וָוארְצְלִין) אֵיין שׁוֹרֶשׁ אִיז אֱמוּנָה. (אַז מֶע זָאל גְלֵייבִּין אִין גָאט ב"ה) אוּן דֶער אַנְדֶערֶער שׁוֹרֶשׁ אִיז יִרְאָה. אוּן דֶער דְרִיטֶער שׁוֹרֶשׁ אִיז עֲנִיווּת (דְהַיְינוּ מֶע זָאל פוּן זִיךְ נִיט הַאלְטִין) אוּן אֱמֶת אִיז דֶער גוּף פוּן דֶעם בּוֹים דְהַיְינוּ דֶער בּוֹים אַלֵיין אִיז אֱמֶת. אוּן פוּן דָארְט גֵייעֶן אַרוֹיס צְוַוייגִין. אִיבֶּער דֶעם קָאן קֵיינֶער נִיט קוּמֶען צוּ דֶעם בּוֹים נָאר דֶער וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ דִי מִדוֹת פוּן דֶעם בּוֹים (דְהַיְינוּ אֱמוּנָה עֶר זָאל גְלֵייבִּין אִין גָאט אוּן יִרְאָה עֶר זָאל מוֹרָא הָאבִּין פַאר גָאט. אוּן עֲנִיווּת. עֶר זָאל פוּן זִיךְ גָאר נִישְׁט הַאלְטִין. אוּן אֱמֶת) (אַזוֹי הָאט דֶער חָכָם גִיזָאגְט צוּ דֶער כִּיתָּה) דִי כִּיתָּה הָאבִּין אָבֶּער נִיט אַלֶע גִיהַאט דִי מִדוֹת. נָאר אַ טֵייל פוּן זֵיי הָאבִּין אִין זִיךְ גִיהַאט דִי מִדוֹת הַנַּ"ל. אִיז אָבֶּער צְווִישְׁן זֵיי גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיס אַחְדוּת (דְהַיְינוּ דִי כִּיתָּה הָאבִּין זִיךְ אַלֶע לִיבּ גִיהַאט אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר גִיהַאלְטִין אִין אֵיינֶעם) הָאבִּין זֵיי זִיךְ נִיט גִיוָואלְט אָפְּטֵיילִין אֵיינְס פוּן דֶעם אַנְדֶערְן. אַז אַ טֵייל זָאלִין יוֹא גֵיין צוּם בּוֹים (דְהַיְינוּ דִי וָואס זֵיי הָאבִּין שׁוֹין יוֹא דִי מִדוֹת פוּן דֶעם בּוֹים) אוּן דִי אִיבְּרִיקֶע זָאלִין בְּלַייבִּין. הָאבִּין זֵיי דָאס נִיט גִיוָואלְט. וָוארִין זֵיי הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר גִיהַאלְטִין אִין אֵיינֶעם. נָאר מֶע מוּז וַוארְטִין. בִּיז אַלֶע זָאלִין זִיךְ דֶער הָארִיוֶוען צוּ דִי מִידוֹת. כְּדֵי זֵיי זָאלִין אַלֶע קָאנֶען קוּמֶען צוּ דֶעם בּוֹים. הָאבִּין זֵיי אַזוֹי גִיטָאן אוּן זֵיי הָאבִּין גִיהָארֶעוֶועט בִּיז זֵיי זֶענֶען אַלֶע גִיקוּמֶען צוּ דִי מִדוֹת הַנַּ"ל. (דְהַיְינוּ זֵיי הָאבִּין אַלֶע גִיוַוארְט אֵיינְס אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין בִּיז אַלֶע הָאבִּין זִיךְ דֶער הָארִיוֶועט. אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע גִיקוּמֶען צוּ דִי מִדוֹת הַנַּ"ל דְהַיְינוּ זֵיי הָאבִּין שׁוֹין אַלֶע גִיהַאט

אֱמוּנָה און יִרְאָה וְכוּ' כַּנַ"ל) ווי זֵיי זֶענֶען אַלֶע גִיקוּמֶען צוּ דִי מִדּוֹת. אַזוֹי זֶענֶען שׁוֹין אַלֶע גִיקוּמֶען אוֹיף אֵיין דֵיעָה. און זֵיי הָאבִּין אַלֶע מַסְכִּים גִיוֶוען אוֹיף אֵיין וֶועג. אַז מִיט דֶעם וֶועג בַּאדַארְף מֶען גֵיין צוּ דֶעם בּוֹים. זֶענֶען זֵיי אַלֶע גִיגַאנְגֶען.

זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אַ צַייט. בִּיז זֵיי הָאבִּין שׁוֹין גִיזֶעהְן דֶעם בּוֹים פוּן וַוייטִין. דֶערְוַוייל טוּעֶן זֵיי אַ קוּק. שְׁטֵייט גָאר דֶער בּוֹים אוֹיף קֵיין אָרְט נִיט. וָוארִין דֶער בּוֹים הָאט גָאר קֵיין אָרְט נִיט. און אַז עֶר הָאט גָאר קֵיין אָרְט נִיט. ווִי אַזוֹי קָאן מֶען צוּ אִים קוּמֶען. און אִיךְ (דְהַיינוּ דֶער הוֹיקֶער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) בִּין דָארְט אוֹיךְ גִיוֶוען מִיט זֵיי. הָאבּ אִיךְ מִיר אָנְגִירוּפִין צוּ זֵיי. אִיךְ קָאן אַייךְ יוֹא בְּרֶענְגֶען צוּ דֶעם בּוֹים. וָוארִין דֶער בּוֹים הָאט גָאר קֵיין אָרְט נִיט. וָוארִין דֶער בּוֹים אִיז לְמַעְלָה מֵהַמָקוֹם (כְּלוֹמֶר עֶר אִיז הֶעכֶער פוּן דֶעם אָרְט פוּן דֶער וֶועלְט. עֶר הָאט גָאר קֵיין אָרְט נִיט) און דִי זַאךְ פוּן מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. אִיז זִיךְ נָאךְ אִין דֶעם אָרְט. וָוארִין חָאטְשֶׁע סֶע אִיז מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. דְהַיינוּ אַבִּיסְל אָרְט הַאלְט פִיל מֶער אֵיידֶער אוֹיף דֶעם אָרְט קָאן זִיךְ שְׁטֶעלִין. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט. אִיז זִיךְ דָאס נָאךְ אִין דֶעם אָרְט וָוארִין סֶע פַארְנֶעמְט זִיךְ נָאךְ פָּארְט עַל כָּל פָּנִים עֶפֶּעס אֵיין אָרְט. און אִיךְ (דְהַיינוּ דֶער הוֹיקֶער) הָאבּ אַזוֹי אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. וָואס דֶער מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. אִיז שׁוֹין גָאר דֶער עֶק פוּן דֶעם אָרְט. וָואס פוּן דָארְט הֶעכֶער. אִיז שׁוֹין גָאר קֵיין אָרְט נִיט פַארְהַאנְדִין. אִיבֶּער דֶעם קָאן אִיךְ אַייךְ טְרָאגִין אַלֶע צוּ דֶעם בּוֹים וָואס עֶר אִיז הֶעכֶער פוּן דֶעם אָרְט. (וָוארִין דֶער הוֹיקִיר אִיז אַזוֹי ווִי אַ מְמוּצָע דְהַיינוּ אִין מִיטִין צְווִישִׁין אָרְט און צְווִישִׁין הֶעכֶער פוּן דֶעם אָרְט וָוארִין עֶר אִיז אַזוֹי אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. וָואס סֶע אִיז גָאר דֶער עֶק פוּן דֶעם אָרְט. וָואס פוּן דָארְט הֶעכֶער אִיז שׁוֹין גָאר קֵיין שׁוּם אָרְט נִיט פַארְהַאנְדִין. אִיבֶּער דֶעם קָאן דֶער הוֹיקֶער זֵיי אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם אָרְט און זָאל זֵי טְרָאגִין צוּ הֶעכֶער פוּן דֶעם אָרְט). הָאבּ אִיךְ זֵיי גִינוּמֶען און הָאבּ זֵיי אִיבֶּער גִיטְרָאגִין צוּ דֶעם בּוֹים.

נִמְצָא הָאבּ אִיךְ אַ הַסְכָּמָה. אַז אִיךְ הָאבּ אַזוֹי אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. (און אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר אַ פָּנִים ווִי אַ הוֹיקֶער. וָוארִין עֶר טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ פִיל וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה) הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס דָאזִיגֶע בְּמַתָּנָה אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ אִיז דָארְט גִיוָוארִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה און זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה.

## דֶעם זֶעקְסְטִין טָאג

דֶעם זֶעקְסְטִין טָאג זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ פְרֵילִיךְ גִיוֶוען. און זֵיי הָאבִּין אוֹיךְ גִיבֶּענְקְט. ווִי נֶעמְט מֶען דָא דֶעם דָאזִיגְן וָואס אָן הֶענְט. דֶערְוַוייל קוּמְט עֶר אַרֵיין. און זָאגְט אִיךְ בִּין דָא. אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חַתוּנָה און הָאט זֵיי אוֹיךְ אַזוֹי גִיזָאגְט אַזוֹי ווִי יֶענֶע. און אִיז זֵיי אַרוּם גִיפַאלִין און הָאט זֵיי גִיקוּשְׁט. און הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט. אִיר מֵיינְט אִיךְ בִּין אַ קַאלִיקֶע אוֹיף דִי הֶענְט. אִיךְ בִּין גָאר קֵיין קַאלִיקֶע נִיט אוֹיף דִי הֶענְט. אִיךְ הָאבּ יוֹא כֹּחַ אִין דִי הֶענְט. נָאר אִיךְ נוּץ נִיט מִיט דֶעם כֹּחַ פוּן מַיינֶע הֶענְט אִין דֶער וֶועלְט. וָוארִין אִיךְ בַּאדַארְף דֶעם כֹּחַ אוֹיף עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ און אִיךְ הָאבּ דְרוֹיף אַ הַסְכָּמָה פוּן דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס.

וָוארְן אַמָאל זֶענֶען מִיר גֶעזֶעסְן אִין אֵיינֶעם עֶטְלֶעכֶע מֶענְטְשְׁן. הָאט זִיךְ אִיטְלֶעכֶער בַּארִימְט מִיט זַיין כֹּחַ וָואס עֶר הָאט אִין דִי הֶענְט. דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט אַזוֹי אַ גְבוּרָה אִין דִי הֶענְט. און דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט עֶר הָאט אַזוֹי אַ גְבוּרָה אִין דִי הֶענְט. און אַזוֹי אִיטְלֶעכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין גְבוּרָה וָואס עֶר הָאט אִין דִי הֶענְט. (דְהַיינוּ) אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט אַזוֹי אַ כֹּחַ און אַ גְבוּרָה אִין דִי הֶענְט. אַז עֶר שִׁיסְט אוֹיס אַ פַּייל. קָאן עֶר זִי ווִידֶער קְרִיק צִיעֶן. וָוארְן עֶר הָאט אַזוֹי אַ כֹּחַ אִין זַיינֶע הֶענְט אַז חָאטְשֶׁע עֶר הָאט שׁוֹין אוֹיס גֶעשָׁאסְן דִי פַּייל. קָאן

עֶר זִי פָּאַרְט נָאךְ אוּמְקֶערְן. עֶר קָאן דִי פַּייל צוּרִיק צִיעֶן ווִידֶער צוּ זִיךְ. הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט (דְהַיינוּ דֶער וָואס אָן הֶענְט. וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס) וָואס פַאר אַ פַּייל קָאנְסְטוּ צוּרִיק צִיעֶן? ווָארְן סֶע אִיז זִיךְ פַּארְהַאנְדְן צֶען עֶרְלֵיי פַּיילְן, ווָארְן סֶע אִיז פַאְרְהַאנְדְן צֶען עֶרְלֵיי סַמִין. ווָארְן אַז מֶע ווִיל שִׁיסְן אַ פַּייל, בַּאשְׁמִירְט מֶען זִי מִיט אַ סַם. אִיז פַארְהַאנְדְן צֶען עֶרְלֵיי סַמִין, וָואס אַז מֶען בַּאשְׁמִירְט דִי פַּייל מִיט דֶעם סַם אִיז דִי פַּייל אַזוֹי מַזִיק. אוּן אַז מֶע בַּאשְׁמִירְט דִי פַּייל מִיט אַן אַנְדֶער סַם אִיז זִי מֶער מַזִיק. אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדְן צֶען עֶרְלֵיי סַמִין, וָואס אִיטְלֶעכֶער סַם אִיז עֶרְגֶער, דְהַיינוּ עֶר אִיז מֶער מַזִיק. הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס פַאר אַ מִין פַּיילְן קָאנְסְטוּ צוּרִיק צִיעֶן. ווִידֶער הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט צוּ אֵיידֶער דִי פַּייל הָאט יֶענֶעם גֶעטְרָאפְן קָאן עֶר זִי קְרִיק צִיעֶן, צוּ אַפִילוּ נָאךְ דֶעם אַז דִי פַּייל הָאט שׁוֹין יֶענֶעם גֶעטְרָאפְן קָאן עֶר זִי אוֹיךְ צוּרִיק צִיעֶן? אוּן דְרוֹיף הָאט יֶענֶער גֶעעֶנְפֶערְט: אַז אַפִילוּ דִי פַּייל טְרֶעפְט שׁוֹין יֶענֶעם. קָאן אִיךְ זִי אוֹיךְ צוּרִיק צִיעֶן. לוּשְׁמִיר אַ וָואסֶער אַ מִין פַּיילְן קָאנְסְטוּ צוּרִיק צִיעֶן הָאט עֶר גֶעעֶנְפֶערְט: הָאט דָאס אוּן דָאס מִין קָאן אִיךְ צוּרִיק צִיעֶן. הָאבּ אִיךְ מִיר אָנְגֶערוּפְן (דְהַיינוּ דֶער וָואס אָן הֶענְט וָואס דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) צוּ אִים: קָאנְסְטוּ נִישְׁט הֵיילְן דִי בַּת מַלְכָּה. אַז דוּ קָאנְסְט מֶער נִישְׁט קְרִיק צִיעֶן נָאר אֵיין עֶרְלֵיי פַּיילְן, קָאנְסְטוּ נִישְׁט הֵיילְן דִי בַּת מַלְכָּה.

אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט אַזוֹי אַ כֹּחַ אִין דִי הֶענְט אַז בַּיי ווֶעמֶען עֶר נֶעמְט גִיט עֶר (כְּלוֹמַר מִיט דֶעם וָואס עֶר נֶעמְט בַּיי אֵיינֶעם עֶפֶּעס דֶערְמִיט אַלֵיין גִיט עֶר יֶענֶעם) מֵיילֶא אִיז עֶר אַ בַּעַל צְדָקָה. הָאבּ אִיךְ אִים גִיפְרֶעגְט וָואס פַאר אַ צְדָקָה גִיסְטוּ. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. עֶר גִיט מַעֲשֵׂר. הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפְן. אַז סֶע אִיז אַזוֹי. קָאנְסְטוּ נִיט הֵיילִין דִי בַּת מַלְכָּה. ווָארִין דִי קָאנְסְט גָאר צוּ אִיר אָרְט נִיט קוּמֶען. (ווַייל דוּ גִיסְט נָאר מַעֲשֵׂר) ווָארִין דוּ קָאנְסְט מֶער נִיט אַרַיין גֵיין נָאר אִין אֵיין מוֹיעֶר (דָארְט ווִי דִי בַּת מַלְכָּה זִיצְט) אִיבֶּער דֶעם קָאנְסְטוּ צוּ אִיר נִיט קוּמֶען.

אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט אַזוֹי אַ כֹּחַ אִין דִי הֶענְט. ווָארִין סֶע פַארְהַאנְדִין מְמוּנִים אוֹיף דֶער ווֶעלְט. (דְהַיינוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען עֶלְצְטֶע וָואס זֵיי הָאבִּין צוּ שַׁאפִין אִיבֶּער אַ שְׁטָאט אָדֶער אִיבֶּער אַ מְדִינָה וְכוּ') בַּאדַארְף אִיטְלִיכֶער חָכְמָה. הָאבּ אִיךְ אַזוֹי אַ כֹּחַ אִין דִי הֶענְט. אַז מִיט מַיינֶע הֶענְט קָאן אִיךְ אִים גִיבִּין חָכְמָה. מִיט דֶעם וָואס אִיךְ לֶעהְן אִים אָן מִיט מַיינֶע הֶענְט. הָאבּ אִיךְ אִים גִיפְרֶעגְט וָואס אַ חָכְמָה קָאנְסְטוּ גִיבִּין מִיט דַיינֶע הֶענְט. סֶע אִיז זִיךְ פַארְהַאנְדִין עֲשָׂרָה קַבִּין חָכְמָה (כְּלוֹמַר צֶעהְן אִירְלֵיי חָכְמוֹת) הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. דִי אוּן דִי חָכְמָה קָאן עֶר גִיבִּין הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפִין צוּ אִים. קָאנְסְטוּ נִיט הֵיילִין דִי בַּת מַלְכָּה. ווָארִין דוּ קָאנְסְט גָאר אִיר דֶפֶּק נִיט ווִיסִין ווָארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין צֶעהְן אִירְלֵיי דְפֵייקִין. אוּן דוּ קָאנְסְט נִיט ווִיסְן נָאר אֵיין דֶפֶּק ווַייל דוּ קָאנְסְט נָאר אֵיין חָכְמָה גִיבִּין מִיט דַיינֶע הֶענְט.

אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּרִימְט. עֶר הָאט אַזוֹי אַ כֹּחַ אִין דִי הֶענְט. אַז סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ רוּחַ סְעָרָה (דְהַיינוּ אַ שְׁטוּרִים ווִינְט) קָאן עֶר דֶעם שְׁטוּרִים ווִינְט פַארְהַאלְטִין מִיט דִי הֶענְט. עֶר קָאן אָנְחַאפִּין מִיט דִי הֶענְט דֶעם שְׁטוּרִים ווִינְט אוּן זָאל אִים פַארְהַאלְטִין. אוּן קָאן ווִידֶער מִיט דִי הֶענְט מַאכִין דֶעם ווִינְט מִיט אַ מָאס. אַז סֶע זָאל זַיין אַזוֹי אַ ווִינְט ווִי מֶע בְּדַארְף. אִין דֶער מָאס. הָאבּ אִיךְ אִים גִיפְרֶעגְט וָואס פַאר אַ ווִינְט קָאנְסְטוּ אָנְחַאפִּין מִיט דִי הֶענְט סֶע אִיז זִיךְ פַארְהַאנְדִין צֶעהְן אִירְלֵיי ווִינְטְן. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. דֶעם אוּן דֶעם ווִינְט. הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפְן. קָאנְסְטוּ נִיט הֵיילִין דִי בַּת מַלְכָּה. ווָארִין דוּ קָאנְסְט גָאר דֶעם נִיגוּן פַאר אִיר נִיט שְׁפִּילִין. ווָארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין צֶעהְן אִירְלֵיי נִיגוּנִים. אוּן אִיר רְפוּאָה פוּן דֶער בַּת מַלְכָּה. אִיז דוּרְךְ נִיגוּנִים. אוּן דוּ קָאנְסְט מֶער נִיט שְׁפִּילִין פַאר אִיר נָאר אֵיין נִיגוּן. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אָנְגִירוּפְן וָואס קָאנְסְטוּ. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט אִיךְ קָאן וָואס אִיר אַלֶע קָאנְט נִיט דְהַיינוּ אַלֶע נַיין חֲלָקִים פוּן אִיטְלִיכֶער זַאךְ וָואס אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. וָואס אִיר קָאנְט זֵיי נִיט. קָאן אִיךְ יוֹא. ווָארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ מַעֲשֶׂה. ווָארִין אַמָאל

הָאט זִיךְ אַ מֶלֶךְ פַאר קָאכִיט אִין אַ בַּת מַלְכָּה הָאט עֶר זִיךְ גִיפְּרֶעט אוּן הָאט גִיטָאן תַּחְבּוּלוֹת אַז עֶר זָאל זִי חַאפִּין. בִּיז עֶר הָאט זִי דֶערְטַאפְּט. אוּן זִי אִיז בַּיי אִים גִיוֶוען.

אַמָאל הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ גִיחָלִימְט. אַז דִי בַּת מַלְכָּה אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אוֹיף אִים אוּן הָאט אִים גִיהַרְגִיט. הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט. אוּן דֶער חָלוֹם אִיז אִים זֵייעֶר אַרַיין אִין הַארְצִין אַרַיין. הָאט עֶר גִירוּפִין אַלֶע פּוֹתְרֵי חַלוֹמוֹת (דְהַיְינוּ דִי וָואס קָאנֶען בַּאשֵׁיידִין דִי חַלוֹמוֹת) הָאבְּן זֵיי אִים פּוֹתֵר גִיוֶוען אַזוֹי וִוי דֶער פָּשׁוּט אִיז. אַז דֶער חָלוֹם וֶועט מְקוּיָם וֶוערִין כִּפְשׁוּטוֹ. אַז זִי וֶועט אִים הַרְגִינֶען. הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ קֵיין עֵצָה נִיט גִיקָאנְט גִיבִּין. וָואס עֶר זָאל מִיט אִיר טָאן. זָאל עֶר זִי הַרְגִינֶען. טוּט אִים בַּאנְק. זָאל עֶר זִי אַוֶועק שִׁיקִין פוּן זִיךְ. דָאס פַארְדְרִיסְט אִים זֵייעֶר. וָוארִין אֵיין אַנְדֶערֶער וֶועט זִי נֶעמֶען. אוּן דָאס פַארְדְרִיסְט אִים זֵייעֶר וָוארִין עֶר הָאט אַזוֹי פִיל גִיהַארִיוֶועט אַרוּם אִיר. אוּן הַיינְט וֶועט זִי אָנְקוּמֶען צוּ אֵיין אַנְדֶערִין. אוּן דֶערְצוּ. אַז עֶר וֶועט זִי אַוֶועק לָאזִין. אוּן זִי וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ אֵיין אַנְדֶערִין. וֶועט זִיךְ בְּוַודְאַי קָאנֶען מְקוּיָם וֶוערִין דֶער חָלוֹם. אַז זִי וֶועט אִים הַרְגִינֶען. וָוארִין זִי אִיז בַּיי אֵיין אַנְדֶערִין. זָאל עֶר זִי הַאלְטִין בַּיי זִיךְ. הָאט עֶר מוֹרָא פַאר דֶעם חָלוֹם. טָאמֶער וֶועט זִי אִים הַרְגִינֶען. הָאט דֶער מֶלֶךְ נִיט גִיוואוּסְט וָואס עֶר זָאל אִיר טָאן. דֶערְוַוייל אִיז דִי אַהֲבָה בַּיי אִים כַּלְיָא גִיוָוארִין בִּיסְלִיךְ וַוייס. מַחְמַת דֶעם חָלוֹם. (דְהַיְינוּ עֶר הָאט זִי שׁוֹין נִיט אַזוֹי לִיבּ גִיהַאט וִוי פְּרִיר) אוּן אַלֶע מָאל אִיז אַלְץ מֶער כַּלְיָא גִיוָוארִין דִי אַהֲבָה. אוּן אַזוֹי בַּיי אִיר אִיז אוֹיךְ כַּלְיָא גִיוָוארִין דִי אַהֲבָה אַלֶע מָאל מֶער בִּיז סֶע אִיז בַּיי אִיר גִיוָוארְן אַ שִׂנְאָה אוֹיף אִים. אִיז זִי אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארְן פוּן אִים.

הָאט דֶער מֶלֶךְ אַרוֹיס גִישִׁיקְט מֶע זָאל זִי זוּכִין. אִיז מֶען גִיקוּמֶען אוּן מֶע הָאט אִים גִיזָאגְט. אַז זִי דְרֵייט זִיךְ לֶעבִּין וַואסִירִיקְן שְׁלָאס. וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אֵיין וַואסִירִיקֶער שְׁלָאס. אוּן דָארְט אִיז פַארְהַאנְדִין צֶעהְן מוֹיעֶרִין. אֵיינֶע אִין דֶער אַנְדֶערֶער. אוּן דִי אַלֶע צֶעהְן מוֹיעֶרִין זֶענֶען פוּן וואסֶער. אוּן דִי עֶרְד אִין דֶעם שְׁלָאס וָואס מֶע גֵייט אוֹיף אִיר אִיז אוֹיךְ פוּן וַואסֶער אוּן אַזוֹי דֶער גָארְטִין מִיט דִי בֵּיימֶער מִיט דִי פֵּירוֹת. אִיז אַלְץ פוּן וַואסֶער, אוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דֶעם שְׁלָאס אוּן דֶער חִידוּשׁ פוּן דֶער שְׁלָאס. דָאס הָאט מֶען נִיט צוּ שְׁמוּסִין, וָוארִין סֶע אִיז בְּוַודְאַי אֵיין ווִילְד חִידוּשׁ. וָוארִין דֶער גַאנְצֶער שְׁלָאס אִיז פוּן וַואסֶער. אַרַיין גֵיין אִין דֶעם שְׁלָאס קָאן מֶען בְּוַודְאַי נִיט. וָוארִין מֶע וֶועט דֶערְטְרִינְקֶען וֶוערִין. וָוארִין גָאר דֶער שְׁלָאס אִיז זִיךְ פוּן וַואסֶר.

אוּן דִי בַּת מַלְכָּה. אַז זִי אִיז אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִין. אִיז זִי אָנְגִיקוּמֶען צוּ דֶעם שְׁלָאס. אִיז זִי דָארְט אַרוּם גִיגַאנְגֶען אַרוּם דֶעם שְׁלָאס. הָאט מֶען גִיזָאגְט דֶעם מֶלֶךְ אַז זִי דְרֵייט זִיךְ דָארְט אַרוּם דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס. אִיז דֶער מֶלֶךְ גִיגַאנְגֶען מִיט זַיין חַיִל. אַז עֶר זָאל זִי חַאפִּין. וִוי דִי בַּת מַלְכָּה הָאט דָאס דֶערְזֶעהְן. (אַז דֶער מֶלֶךְ מִיט זַיין חַיִל ווִילִין זִי חַאפִּין) הָאט זִי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. זִי וֶועט אַרַיין לוֹיפִין אִין דֶעם שְׁלָאס אַרַיין. וָוארְן זִי ווִיל בֶּעסֶער דֶערְטְרוּנְקֶען וֶוערִין. אֵיידֶער דֶער מֶלֶךְ זָאל זִי חַאפִּין. אוּן זִי זָאל בַּיי אִים זַיין. אוּן טָאמֶער. וֶועט זִי פָארְט נִיצוֹל וֶוערִין. אוּן וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַרַיין חַאפִּין אִין דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס. וִוי דֶער מֶלֶךְ הָאט דָאס דֶערְזֶעהְן. אַז זִי לוֹיפְט אִין וַואסֶער אַרַיין. הָאט עֶר גִיזָאגְט. אַז סֶע אִיז יוֹא אַזוֹי. בְּכֵן. הָאט עֶר גִיהֵייסִין אַז מֶע זָאל זִי שִׁיסִין. וֶועט זִי שְׁטַארְבִּין. שְׁטַארְבִּין. הָאט מֶען זִי גִישָׁאסִין. אוּן מֶען הָאט אִיר גִיטְרָאפִין אַלֶע צֶעהְן אִירְלֵיי פַּיילִין. וָואס זֵיי זֶענֶען בַּאשְׁמִירְט מִיט צֶעהְן אִירְלֵיי סַמִין. אוּן זִי דִי בַּת מַלְכָּה. אִיז אַרַיין גִילָאפִין אִין דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס אוּן זִי אִיז אִין אִים אַרַיין אִינְוֵוייעִנִיק אַרַיין. אוּן זִי אִיז דוּרְךְ דָארְךְ אַלֶע טוֹיעֶרִין פוּן דִי וַואסִירִיקֶע מוֹיעֶרִין. וָוארִין סֶע אִיז דָארְטִין פַארְהַאנְדִין טוֹיעֶרִין אִין דִי וַואסִירִיקֶע מוֹיעֶרִין אוּן זִי אִיז דוּרְךְ גִיגַאנְגֶען דָארְךְ אַלֶע טוֹיעֶרִין פוּן אַלֶע צֶעהְן מוֹיעֶרִין פוּן דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס. בִּיז זִי אִיז אַרַיין אִינְוֵוייעִנִיק אִין דֶעם שְׁלָאס אַרַיין. אוּן זִי אִיז דָארְט אַנִידֶער גִיפַאלִין. אוּן אִיז גִיבְּלִיבְּן חַלָשׁוּת. אוּן אִיךְ הֵייל זִי (דְהַיְינוּ דֶער וָואס אָן הֶענְט. וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ).

וָוארִין דֶער וָואס עֶר הָאט נִיט אִין זַיינֶע הֶענְט. אַלֶע צֶעהְן אִירְלֵיי צְדָקוֹת. דֶער קָאן נִיט אַרַיין גֵיין אִין דִי אַלֶע צֶעהְן מוֹיעֶרִין פוּן דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס. וָוארִין עֶר וֶועט דֶערְטְרוּנְקֶען וֶוערִין אִין וַואסֶער. אוּן דֶער מֶלֶךְ מִיט זַיין חַיִל. זֵיי הָאבִין נָאךְ גְיָאגְט דֶער בַּת מַלְכָּה. זֶענֶען זֵיי אַלֶע דֶערְטְרוּנְקֶען גִיוָוארִין אִין וַואסֶער. אוּן אִיךְ קָאן אַרַיין גֵיין אִין אַלֶע צֶעהְן מוֹיעֶרִין פוּן דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס. אוּן דִי מוֹיעֶרִין פוּן וַואסֶער דָאס זֶענֶען דִי אִינְדִין פוּן דֶעם יַם וָואס זֵיי שְׁטֵייעֶן וִוי אַ מוֹיעֶר. אוּן דִי וִוינְטְן זֵיי שְׁטֶעלִין אוֹיף דִי אִינְדְן פוּן דֶעם יַם. אוּן זֵיי הֵייבְּן אוֹיף דִי אִינְדִין. אוּן דִי אִינְדִין וָואס דָאס זֶענֶען דִי צֶען מוֹיעֶרְן. זֵיי שְׁטֵייעֶן דָארְט תָּמִיד נָאר דִי וִוינְטְן זֵיי הֶאלְטִין דִי אִינְדִין אוּן הֵייבִּין דִי אִינְדִין. אוּן אִיךְ קָאן אַרַיינְגֵיין אִין דִי אַלֶע צֶען מוֹיעֶרְן פוּן דֶעם וַואסֶערִיקְן שְׁלָאס. אוּן אִיךְ קָאן אַרוֹיס צִיעֶן פוּן אִיר (דְהַיְינוּ פוּן דֶער בַּת מַלְכָּה) אַלֶע צֶען עֶרְלֵיי פַּיילִין. אוּן אִיךְ וֵוייס אַלֶע צֶען עֶרְלֵיי דְפִּיקִין, דוּרְךְ דִי צֶען פִינְגֶער, וָוארְן דוּרְךְ אִיטְלֶעכְן פִינְגֶער פוּן דִי צֶען פִינְגֶער קָאן מֶען וִויסְן אַ בַּאזוּנְדֶערְן דֶפֶּק פוּן דִי צֶען עֶרְלֵיי דְפִּיקִין. אוּן אִיךְ קָאן זִי הֵיילְן דִי בַּת מַלְכָּה דוּרְךְ אַלֶע צֶען עֶרְלֵיי נִיגוּנִים. (וָוארְן אִיר רְפוּאָה אִיז דוּרְךְ נִגוּנִים כַּנַ"ל) דֶערִיבֶּער הֵייל אִיךְ יָא דִי בַּת מַלְכָּה. נִמְצָא הָאבּ אִיךְ אַזוֹי אַ כֹּחַ אִין דִי הֶענְט. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס דָאזִיגֶע בְּמַתָּנָה. אִיז דָארְט גֶעוָוארְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גֶעוָוארְן.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דֶערְצֵיילְן. נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ זִי שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן. מוּז אִיךְ זִי שׁוֹין אוֹיסְפִירְן. אִין דֶער מַעֲשֶׂה אִיז נִישְׁט פַארְהַאנְדן אֵיין וָוארְט וָואס סֶע זָאל דְרִינֶען נִישְׁט זַיין אַ כַּוָונָה. אוּן וֶוער סֶע אִיז אַ בָּקִי אוּן גֶעוְנִיט אִין סְפָרִים. קָאן עֶפֶּעס פַארְשְׁטֵיין, עֶפֶּעס וִוינְקֶען. אוּן דִי פַּיילְן וָואס דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר קָאן פַּיילְן צוּרִיק צִיעֶן דָאס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְכוּ'. אוּן דִי צְדָקָה וָואס דָאס אִיז אַקֶעגְן דִי מוֹיעֶרְן פוּן וַואסֶער דָאס שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין אַ פָּסוּק "וְצִדְקָתְךָ כְּגַלֵּי הַיָּם". אוּן דִי צֶען אִירְלֵיי דְפִּיקִין אוּן צֶען אִירְלֵיי נִגוּנִים. דָאס שְׁטֵיט אוֹיךְ אִין זוֹהַר. לוּשְׁמִיר וֶוער אוּן וֶוען אוּן וָואס. (וַוייטֶער הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעזָאגְט. כְּלוֹמַר וֶוער זֶענֶען דִי אַלֶע. אוּן וָואס אִיז דָאס אוּן וֶוען אִיז דָאס אַלְץ גֶעוֶוען. דָאס קָאן מֶען נִישְׁט וִויסְן).

דֶעם אוֹיסְפִיר פוּן דֶער מַעֲשֶׂה דְהַיְינוּ וָואס סֶע אִיז גֶעוֶוען אִין דֶעם זִיבֶּעטְן טָאג מִיט דֶעם בֶּעטְלֶער וָואס אָן פִיס. אוּן דֶעם אוֹיסְפִיר פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ וָואס דֶערְפוּן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מַעֲשֶׂה. דָאס הָאט עֶר נִישְׁט דֶערְצֵיילְט. אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט עֶר וֶועט דָאס שׁוֹין נִישְׁט דֶערְצֵיילְן. אוּן מֶע וֶועט דָאס שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(דָאס הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעזָאגְט):
אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט וִויסְן קֵיין שׁוּם זַאךְ. נָאר דִי מַעֲשֶׂה וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ אַ וִוילְד חִידוּשׁ גֶעוֶוען. וָוארְן דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַ וִוילְד חִידוּשׁ זֵייעֶר. סֶע אִיז אִין אִיר דָא זֵייעֶר פִּיל מוּסָר. אוּן אַסַאךְ תּוֹרָה. וָוארְן סֶע אִיז אִין דֶער מַעֲשֶׂה דָא אַ סַאךְ תּוֹרוֹת. אוּן זִי שְׁמוּעֶסְט פוּן אַ סַאךְ צַדִיקִים קַדְמוֹנִים. פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה. וָוארְן דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין עֶק וֶועלְט. אוּן הָאט גֶעשְׁרִיגְן צוּ דֶעם קְוָואל וָואס סֶע גֵייט אַרוֹיס פוּן דֶעם שְׁטֵיין וָואס אוֹיף דֶעם בַּארְג כַּנַ"ל. אַזוֹי וִוי אִין תְּהִילִים שְׁטֵייט: "מִקְצֵה הָאָרֶץ אֵלֶיךָ אֶקְרָא בַּעֲטֹף לִבִּי בְּצוּר יָרוּם מִמֶּנִּי תַנְחֵנִי" וְכוּ'.
דִי זַאךְ פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ. דָאס קֶער צוּם דְרִיטְן טָאג. וָוארְן דָארְט שְׁמוּעֶסְט פוּן דֶעם הַארְץ אוּן פוּן דֶעם קְוָואל. אִין דֶער מַעֲשֶׂה אִיז פַארְהַאנְדְן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה. פוּן דֶעם אָנְהֵייבּ בִּיז אִין אוֹיסְלָאז. אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דֶעם סֵפֶר זֶענֶען דוּרְךְ גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה. אִיטְלֶעכְס וָוארְט אוּן אִיטְלֶעכֶע זַאךְ מֵיינְט מֶען גָאר עֶפֶּעס אַנֶדֶערְשׁ. אוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע.

אשכולות
культурно-образовательный проект
ЭШКОЛОТ
www.eshkolot.ru
GENESIS PHILANTHROPY GROUP